NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08256

# LEYENBIKHER FAR DER IDISHER SHUL

Israel Steinbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# לייענביכער פאר דער אידישער שול

## דאָס דריטע לייענבוך

צוזאַמענגעשטעלט פון

י. שטיינבוים

באַצירונגען פון

א. גודלמאַן

פאַרלאַג „ערציאונג" — ניו יאָרק, 1924.

הויפּטפאַרקויף ביים פאַרלאַג פון

מאַקס נ. מייזל, 424 גרענד סטריט, ניו יאָרק.

Copyright 1925
by
ISRAEL STEINBAUM
New York, N. Y.

באַנד—
אַרט ביינדערי, נ. י.

דרוק און זאַץ—
לעוואַנט פּרעס, נ. י.

## לייענביכער פאַר דער אידישער שול

## דאָס דריטע לייענבוך

**אינהאַלט:**   **זייט**


1. עפּנט טירן (ליד) — פּרץ מאַרקיש — — — — — — — 5
2. די ערד דרייט זיך ניט — ד. ב. סלוצקי — — — — 6
3. אָנהייב פרילינג (ליד) — נחום י. — — — — — — 13
4. דאָס בלינדע אינגל — א. י. גראָדזענסקי — — — 14
5. א גאַסט פאַרט (ליד) — משה טייטש — — — — 19
6. דער אָראַנג־אוטאַנג (יאַפּאַנעזיש מעשה'לע), איבער־געזעצט: מ. ראַקאָווסקי, באַארב. פּ. קאַפּלאַן — — 20
7. זון און הימל (ליד) — יצחק קאַצענעלסאָן — — — 26
8. שמואל מילנער — יהודה שטיינבערג, איבערגעזעצט פון ש. שאַפּירא — — — — — — — — — — 27
9. א זון מיט א רעגן (ליד) — ל. ניידוס — — — — 35
10. דאָס ווייסע ציגעלע — אַלפאָנס דאָדע — — — — 36
11. נאָך זונפאַרגאַנג (ליד) — נחום י. — — — — — 44
12. צוויי חברים — יהודה שטיינבערג — — — — — 45
13. האַרבסט (ליד) — אברהם רייזען — — — — — 52
14. פאַרלאָרן דעם באַלאַבאַס — ז. ליבין — — — — 53
15. דער בלינדער (ליד) — מאַני לייב — — — — — 59.
16. אַלבערטס פּסק — ז. ליבין — — — — — — — — 60
17. זיידעשי פראָסט (ליד) — משה בראָדערזאָן — — 64
18. רייזעלע — אברהם רייזען („פון אידישן קוואַל“) — 66
19. דער פרעמדער (ליד) — מאַני לייב — — — — — 69

אינהאלט: זייט


20. וועז דער פאפא סטרייקט — ז. ליבין — — — — — 74
21. מיין אינגעלע (ליד) — מארים ראזנפעלד — — — — 79
22. צוויי פרעסט — מ. חיימסאן (פון רוסיש) — — — — 81
23. די נויט (ליד) — מאני לייב — — — — — — — — 86
24. איאמא — יעקב גארדין — — — — — — — — — — 90
25. א וויגליד (ליד) — אברהם כהן (נאך באלמאנט) — 95
26. דזשזמי — מארים זארודין — — — — — — — — — 96
27. אין זאאלאגישן גארטן (ליד) — ה. לייוויק — — — 108
28. דער פאר'כישופ'טער שפיגל (יאפאנעזיש מעשה'לע), איבערגעז. פון מ. ראקאווסקי, באארב. פ. קאפלאן — 109
29. דער צוויבערמאן (ליד) — יהואש — — — — — — 116
30. דער רעגן — וו. מ. דאראשעוויטש, איבערגעזעצט פון מ. ראקאווסקי — — — — — — — — — — — — — 118
31. דאס פלאטערל און דער ווארים (ליד) — נחום י. — 124
32. דער לייב און דער העלפאנט — דוד פינסקי — — 125
33. א שטיבל (ליד) — ז. ווייגפער — — — — — — — 129
34. אן אומזיסטער חשד — לעאן קאברין — — — — — 131
35. דער יונגער פישער (ליד) — ז. סעגאלאוויטש — — 137
36. דער טרוימער — קאליל גיבראן, איבערגעז. נ. גראס — 138
37. א מעשה מיט א קו (ליד) — ז. וויינפער — — — — — 142
38. דער משכון — פ. שילער („די נייע שול“) — — — 143
39. א געשלעג — י. אפאטאשו — — — — — — — — 148
40. חנה'לע (ליד) — נחום י. — — — — — — — — — 153
41. איז געוועז א קליינע שיף (ברעטאניש מעשה'לע) — מ. ראזעט — — — — — — — — — — — — 154

# עפנט טירן

עפנט טירן, קומט אין דרויסן,
רייסט די פענסטער, ברעכט זיי אויס;
נעמט אַריין דעם גאַסט דעם גרויסן —
קומט אַנטקעגן אים אַרויס.

ס'איז היינט יום-טוב אין די גערטנער,
אויף די גאַסן, אומעטום;
ס'איז היינט ליכטיק, זעט נאָר, הערט נאָר,
ווי עס טאַנצן ווינטן אום.

הערט נאָר, ווי די צווייגן טרישטשען,
און דער טייך — ווי שרייט און ברומט;
הערט נאָר פייפן, הערט נאָר סוויסטשען —
קומט אין דרויסן, גיכער קומט!

פרץ מארקיש.

# די ערד דרייט זיך ניט



עני און יודי זיינען געווען חברים אינגלאַך, וואָס האָבן ליב געהאַט יעדע זאַך פאַרשטיין און אַליין דערגיין מיטן שׂכל, וואָס און ווי אַזוי טוט זיך אַלץ אויף דער וועלט.

אָפט פלעגן זיי כאַפּן אַ מיאוס׳ן פּסק פאַר זייער וועלן אַליין דערקלערן און אויספאָרשן. נאָר דאָס מאַכט ניט אויס. אַזעלכעס טרעפט זיך אויך מיט גרויסע. גרויסע האָבן נאָך גרעסערע צרות פאַר זייער וועלן וויסן אַלצדינג. און בעני און יודי האָבן זיך ניט איבערגעשראָקן פאַר די שמיץ, וואָס זיי פלעגן אָפט כאַפּן פאַר צענעמען דעם וואַנטזייגער, אָדער פאַר אויפרייסן די ספּרונזשינעס פון דער וויכער שטול, וואָס שטייט ביי יודיס עלטערן אין זאַל, און נאָך פאַר אַזעלכע זאַכן. אַדרבה, דאָס האָט זיי צוגעגעבן נאָך מער חשק זיך צוצוקלייבן ווען ניט איז אויך צום גראַמאַפאָןקעסטל, וואָס ביי בענים עלטערן, און אַ קוק טאָן, וואָס דאָרט טוט זיך. דאָס אַלטע שפּיל־קעסטל האָבן זיי שוין לאַנג צעשרויפט און צעדרייט און אָפּגעכאַפּט זייער ערלאַך אויסקומעניש פאַר דער אַרבעט, נאָר דאָס איז אַלץ בלאָטע. דער עיקר איז, ווי אַזוי שטעלט מען אויף צוריק אָט די רעדלאַך, זיי זאָלן זיך ווידער דרייען און שפּילן? און וואָס מיינט איר, זיי וואָלטן ניט דערגאַנגען דעם סוד? קאָנט איר ניט בענין

און יודין. אַז זיי וואָלטן וועלן, וואָלטן זיי געקאָנט. נאָר זיי האָבן ניט געוואָלט, ווייל זיי זענען פּלוצלונג פאַרנומען גע־וואָרן מיט אַן אַנדערער זאַך.

און געווען איז די מעשה אַזוי: איינמאָל איז זיך יודי געזעסן אין שטוב. בעני איז גראָד ניט געווען מיט אים. פּלוצ־לונג הערט ער, ווי אין צווייטן אַלקער דערציילט דער לערער זיין שוועסטערל כייקען, אַז די ערד דרייט זיך. האָט יודי צוערשט געמיינט, ער האָט אַ טעות, ניט איינגעהערט. איז אָבער ניין. דער לערער דערציילט ווידער אַמאָל בפירוש דאָס אייגענע: די ערד דרייט זיך! אָט האָסטו דיר אַ נייעס!

איז יודי אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער קאָנאַפּע און איז אַוועק צו זיין עלטערן ברודער יאָנין.

— יאָני, דער לערער זאָגט: די ערד דרייט זיך!

— וואָס דען, זי דרייט זיך ניט? אַודאי דרייט זי זיך! — האָט יאָני געענטפערט.

יודי איז געווען שרעקלאַך איבעראַשט און איז זיך אַוועק צו זיין בענין און אים דערציילט די נייעס. בעני איז אויך געווען איבעראַשט: וואָס הייסט? אַנו לאָמיר קוקן. — האָט מען געקוקט און געקוקט, ניין, מ׳זעט ניט. איז מען ביידע אַוועק צוריק צו יאָנין: די ערד דרייט זיך ניט! מען זעט ניט! האָט זיי יאָני גענומען דערקלערן און דערוויזן פון אַ ראיה מיט אַ שיף אויפן וואַסער און מיט בערג און מיט הימל — נאָר דאָס אַלץ האָט זיך זיי עפּעס ניט געלייגט אויפן שכל; און ביידע חברים האָבן באַשלאָסן ביי זיך צו דערגיין די זאַך.

האָט מען פאַרוואָרפן אַלע אַרבעט און נאָר געקלערט, ווי אַזוי מען קען זען, ווי די ערד דרייט זיך.

איז בעני געפאַלן אויף אַן המצאה: שאַ, איך ווייס! אָט לאָמיר לויפן אַ ראָד לאַנג-לאַנג, וועלן מיר זען! איז מען געלאָפן אין אַ ראָד, אַרומגעיאָגט, ביז דער קאָפּ האָט זיך פאַר־דרייט. דעמאָלט איז מען געבליבן שטיין, געפאַלן פון די פיס, זיך אָנגעכאַפּט איינער פאַרן צווייטן און געשריען: ס'דרייט זיך! ס'דרייט זיך! אָבער באַלד איז מען ווידער אַריינגעפאַלן אין ספיקות: ס'אַ משל! ס'גאָר דער קאָפּ דרייט זיך, אָבער די ערד ניט. וואָרים ווען די ערד זאָל זיך דרייען, וואָלט דאָך שוין קאַזולים שטוב באַדאַרפט שטיין אויף אַן אַנדער אָרט!

— אוודאי...

איז אונטערגעשפרונגען יודי:

— שאַ, אָט איך וועל דיר ווייזן! קום!

און ער האָט אַוועקגעפירט בענין אין קיך אַריין; דאָרט איז געשטאַנען אַ צעבער מיט וואַסער.

— זעסט, — האָט יודי גע'טענ'עט, — אַז מיר זאָלן, למשל, דרייען דעם צעבער, וועט זיך אויסגיסן דאָס וואַסער, צי ניין?

— לאָמיר פּרוּוון, וועלן מיר זען.

און ביידע האָבן גענומען שטאַרק דרייען און הייבן דער צעבער.

— ס'גיסט זיך אויס! — האָט בעני אויסגעשריען מיט שמחה, — זעסטו. ווי באַלד אַזוי, ווען די ערד זאָל זיך דרייען, וואָלט דאָך דער טייך זיך אויך געדאַרפט אויסגיסן? האַ, ניט אַזוי?

אָבער די רגע איז אַריין דאָס שטוב-מיידל מיט אַ בעזים אין האַנט און גענומען טרייבן און שמייסן יודין און בענין פאַרן ליאַפּ, וואָס זיי האָבן אָנגעמאַכט אין קיך, אָבער יודי און בעני האָבן געמאַכט פּליטה און אַוועק צום טייך, זען צי ס'גיסט זיך אויס, צי ס'ווערט צעכליאַפּעט דאָס וואַסער פונם דרייען, וואָס די ערד דרייט זיך...

דער טייך איז געווען רואיק און גלאַט ווי אַ שפּיגל.

— נו, דו זעסט? ס'אַליגן! די ערד דרייט זיך ניט. ווי אַזוי קאָן זיך די ערד דרייען? — האָט בעני גע'טענ'עט, און יודי איז ווידער געפאַלן אויף אַ געדאַנק: ניין, מען דאַרף אויספּרואוון אַקוראַט. מען דאַרף דערוווייזן יאָנין אַז ס'אַליגן.

— ווייסטו וואָס? — האָט בעני געזאָגט, — קום אויפן באַרג. אפשר וועלן מיר פונם באַרג זען.

איז מען אַוועק צום באַרג וואָס שטייט דאָרט אויסערן שטעטל. מען איז געווען שטאַרק פאַרפאַליעט און פאַרטראַגן. זיי האָבן פאַרגעסן אָנם וואַרימעס, אָנם חדר, אָן אַלץ. שווער איז אָנגעקומען אַביסל דאָס קריכן אויפן באַרג דורך די בודיקעס און שטעכלקעס, אַז אָפטמאָל איז מען שיר ניט אַראָפּגעפאַלן פונם שפּיץ, וואָס איז געווען זאַמדיק און זיך געשאָטן אונטער די פיס; סוף כל סוף האָט מען זיך, ווי ניט איז, אַוועקגעשטעלט אויף אַ שטיקל האַרטער ערד און גענומען קוקן.

— דו זעסט? — פרעגט בעני, — ס'דרייט זיך?

— ניין, איך זע ניט, — ענטפערט יודי.

— איך אויך ניט! — זאָגט בעני.

— ס'אַליגן און מער ניט! — שרייט יודי, — די ערד קאָן זיך ניט דרייען. ווען זי זאָל זיך דרייען, וואָלטן מיר דאָך געפילט אונטער די פיס, וואָלטן מיר דאָך אומגעפאַלן, האַ, ניט אַזוי?

— אַודאי! — האָט בעני גע'פסקנ'ט — קום שוין אַהיים. איך בין הונגעריק.

געקומען זיינען זיי שפּעט, הונגעריק, מיד און אויסגע־שמירט און פול מיט שטעכלקעס. אין דער היים האָט אויף זיי געוואַרט אַ פיינער ברוך הבא...

— וואו זייט איר געווען? די גאַנצע שטאָט איז מען אויסגעלאָפן זוכן אייך! — האָט יודיס מאַמע געשריען, — זע, אַ אינגעלע האָט זיך אויסגעשמירט? האַ, וואָס מירן דיר שוין צושטעלן אַ בענקעלע פאַרן רבין.

יודין איז שוין ניט איינגעגאַנגען דאָס וואָרימעס, וואָס איז געווען קאַלט און אָן טעם, און ער האָט מורא געהאַט זיך וויזן פאַרן טאַטן, פאַרן רבין. בעני האָט נאָך ערגער אָפּגעשניטן. ער האָט אַ גאַנצע שעה געוויינט פאַר בזיון און ווייטיק.

— אויף מאָרגן האָט מען זיך גענומען צו דער פראַגע:

— יאַני, די ערד דרייט זיך ניט! מיר האָבן געפּרואווט!

— האָבן זיי מיט ניצחון געזאָגט צו יאַנין.

— גייט, פּראַים! אַז ס'שטייט געשריבן אין דער געאָ־גראַפיע! — האָט יאַני אָנגעשריען אויף זיי.

— שאַ, ווייסט וואָס? — האָט יודי צו אים געזאָגט, — אָט וועל איך דיר באַווייזן. בעני, קום!

און ביידע חברים זיינען ארום אין דרויסן, מיטגעכאַפּט מיט זיך יאַנים נײַ קאַמישן שטעקעלע. יאַני איז שוין געווען אַ גרויסער, האָט ער זיך געקויפט אַ קאַמישן שטעקעלע, זייער אַ שיין, דין שטעקעלע.

— יאַני, זעסט? — האָבן זיי צו אים דורכן פענסטער געשריען.

לאַז צורו! — האָט זיך יאַני אויסגעבייזערט און פאַר־טיפט אין ביכל, וואָס ער האָט געלייענט ביים פענסטער.

יודי האָט גענומען דאָס שטעקעלע און אַרײַנגעשטעקט אין דער ערד.

— אַט, זעסט, בעני? ס'דרייט זיך? — האָט ער מיט אַ געלעכטער געפרעגט.

— אַוודאי ניט! ס'אַליגן! — האָט אים בעני אונטער־געהאַלטן.

— נאָך אַ מין ליגן! — האָט יודי צוגעגעבן, — ווייל פאַרוואָס, אַז עס דרייט זיך אַ ראָד און איך שטעק אַרײַן אין איר דאָס שטעקל, ווערט דאָס שטעקל צעבראָכן, און דאָ ניט? ווען די ערד זאָל זיך דרייען, וואָלט דאָך דאָס קאַמישן שטעקעלע זיך אויך באַדאַרפט צעברעכן? האַ, ניט אַזוי? אַט פאַרט אביגדור דער וואַסער־פירער, וועל איך עס דיר שוין דערווייזן.

און ווי אַביגדור איז אונטערגעפאָרן, האָט יודי אַרײַנ־גערוקט דאָס שטעקעלע צווישן די שפּיצעס פון ראָד — און מיטאַמאָל:

— קנאַק, קנאַק, קנאַק!...

— דאָס קאַמישן שטעקעלע! דאָס שטעקעלע! — האָט יאַני אַ טויטער אויסגעשריען, בעת ער האָט דערהערט דעם קנאַק, אויפגעהויבן די אויגן און דערזען זיין שטעקעלע ליגן צעבראָכן אויף דרייען. ער איז אין אַ ווילדן כעס ארויסגעשפרונגען דורכן פענסטער און גענומען זיך פאַר די צוויי פאַרשער...

צעשלאָגענע זיינען דערנאָך ביידע חברים געזעסן הינטער דער קלויז אויף דער ערד און געווישט די טרערן פון די אויגן.

— אָבער איצט זעסטו שוין, אַז די ערד דרייט זיך ניט! — האָט יודי כליפנדיק גע׳טענ׳עט.

— אַודאי, — האָט בעני אונטערגעהאַלטן מיט אַ וויינענדיקן שלוקערץ, — אַודאי דרייט זי זיך ניט...

ד. ב. סלוצקי.

# אָנהייב פרילינג

דער הימל ריין, דער הימל בלוי,
עס שימערט און עס שיינט;
און פרעמדע מענטשן גריסן זיך
אַזוי ווי גוטע פריינט.

די גאַס איז פול מיט קינדערלאַך,
מען טאַנצט ביי יעדן הויז;
און פון אַ פענסטער שמייכלענדיק
אַ מוטער קוקט אַרויס.

ס'איז שיינענדיק און לעבעדיק,
און טומלדיק אַרום;
אין מיטן גאַס צוויי שפערלינגלאַך,
צוויי קליינע טאַנצן אום.

— צווי-טשיר, צווי-טשיר, מיין טייערע,
ס'איז פרילינג, וואָס זאָגסטו?
— געוויס, מיין ליבער, — צוויטשערט אויך
זיין חבר'טע אים צו.

און ביידע אויף דער מיטן גאַס
צופרידן טאַנצן אום.
ס'איז לעבעדיק און טומלדיק
און שיינענדיק אַרום.

נחום י.

# דאָס בלינדע אינגל



ע ר  הימל איז בלוי?

— יאָ, מיין קינד!

ער איז געווען אַ בלינדער. ער האָט אָבער אַמאָל אויך געזען דעם בלויען הימל און די שטראַלן, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט; און איצטער, אין זיין בלינדקייט, האָט ער זיי נאָך מער ליב באַקומען.

— דער הימל איז בלוי?

— בלוי, מיין קינד.

אַרום אים איז געווען פינסטער.

— וואָס ברענט עס מיך אין קאָפּ, מוטער?

— די זון, מיין קינד.

ער האָט אויסגעצויגן די הענטלאַך אין דער הייך — צו דער זון, ווי וועלנדיק אַרומנעמען די וואַרימקייט פון די שטראַלן מיט זיינע אָרעמס.

— זון! זון! זון!

ער האָט זיך געריסן פון אָרט מיט די אויסגעשטרעקטע הענטלאַך אין דער הייך, ווי גרייט, ווען ער זאָל פליגלען האָבן, אַוועקצופליען.

ער האָט דאָך דאָס אַלץ געהאַט גערן: דעם הימל, די זון, די שטראַלן, מיט וועלכע ער פלעגט ליב האָבן שפּילן אין „כאַפּעניש“. דאָס איז דאָך אַלץ געווען אַזוי שיין — און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זעט ער דאָס ניט ווידער.

אַרום אים איז אַלץ אַזוי פינסטער, און שטענדיק וועט עס אזוי זיין?

— מוטער, איצט איז פרילינג?

— פרילינג, מיין קינד.

— ווי פאַריקעס יאָר?

— געווים.

פאַריקעס יאָר זיינען זיינע אויגן אָפן געווען.

— און ווי פאַריקעס יאָר שטייען דיביימער איצט מיט ווייס בליעכץ?

— געווים, מיין קינד.

די מוטער האָט אים געגלעט איבערן קעפּל און געדריקט צו איר ברוסט זיין געזיכט.

אַרום האָט געבליט דער גאָרטן. דאָס גראָז איז שוין גוט גרין געווען און אַלערליי פאַרביקע בלימעלאַך האָבן זיך דער־הויבן מיט זייערע קעפּלאַך.

ער האָט דאָס אַלץ ניט געזען: ניט דאָס גרינע גראָז, ניט די פאַרב פון די בלומען. ער האָט אָבער געשפּירט, אַז זיי זיינען דאָ, נאָר ער זעט דאָס ניט. און פאַרוואָס?

זיי זיינען געזעסן ביים ברעג טייכל, וואו ער פלעגט יעדעס יאָר, אין דער זעלביקער צייט, זיך שפּילן אין זאַמד און שליידערן שטיינדלאַך אין וואַסער. ער פלעג ליב האָבן צו הערן דעם אָפּקלאַנג און דאָס שטילע מוזיקאַלישע שעפּ־טשען פון די פאַרביישווימענדיקע וועלן.

— מוטער, גיב מיר אַ שטיינדל.

זי האָט זיך איינגעבויגן צום ברעג און אים דערלאַנגט א וואַסער קעפּל.

ער האָט אָנגעשטעלט זיין געהער: פון וועלכער זייט דאָס וואַסער רוישט, און זיך געצילט.

ער האָט געהאַלטן אָנגעגרייט זיינע בלינדע אויגן, גע־וואַלט כאַפּן פּונקט דאָס אָרט, וואו דער שטיין איז ארונטער־געפאַלן. עס האָבן אָבער קוויטשענדיק אָפּגעהילכט פּלוסקענ־דיקע וואַסער־טראָפּנס, נאָר געזען האָט ער גאָרנישט.

אַרום אים איז געווען פינסטער.

— מוטער, האָבן זיך אויפגעהויבן וואַסער־טראָפּנס אין לופטן? האָבן זיך געבילדעט רעדעלאַך אינם וואַסער?

די מוטער האָט אים שווייגנדיק געדריקט צו זיך און דאַן געענטפערט:

— געווים.

— ווי האָבן זיי אויסגעזען, מוטער, ניט ווי פּערל?

ער האָט אַמאָל געזען פּערל. אויף זיין מוטערס האַלז זיינען זיי געהאַנגען, אַ מתּנה פון פאָטער.

זי האָט אים געוואָלט ענטפערן: „ווי טרערן". ווייל אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן, נאָר זי האָט זיך איינ־געהאַלטן.

ער האָט זיך מיט זיין קליינעם גופ'ל געטוליעט צו איר געגלעט אירע הענט, דאָס געזיכט: „ווי זעט עס אוים?" און אָנגעטאַפּט די פייכטקייט.

— וואָס איז דאָס, מוטער? דו וויינסט?

די פרוי האָט זיך באַמיט צו שמייכלען און איינצוהאַלטן די טרערן, נאָר ענטפערן האָט זי קיין כוח ניט געהאַט.

— וויין ניט, מוטער!

ער האָט זיך דערשפּירט ניט גוט: פאַרוואָס וויינט די מוטער?

ער האָט דערהערט טריט: דער פאָטער.

ער האָט זיך, ווי דערפרייט און געלאָפן אַנטקעגן מיט אויסגעשטרעקטע הענט:

— פאָטער, פאָטער!

דער מאַן האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, ער זאָל ניט אומפאַלן.

— פאַרזיכטיק, קינד.

און דאַן אים אויפגעהויבן אין זיינע אָרעמס און געקושט זיין שטערן.

האָסט היינט געבראַכט דאָס בלאַט, פאָטער?

— יאָ, מיין קינד.

— און דו וועסט עס איצט אויך לעזן נאָך מיטאָג?

— געוויס, געוויס.

ער האָט געדענקט, ווי דער פאָטער פלעגט יעדן נאָכמיטאָג פאַנאַנדערשפּרייטן די ציימונג. ער האָט עס פיל מאָל גענומען אין האַנט און געפּרואווט לעזן די געדרוקטע ווערטער, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען. די מוטער פלעגט דערביי לאַכן. אים האָט עס אָבער ווייניק געקימערט.

ער האָט איצט פאַרלאַנגט די ציימונג, האָט עס גענומען אין זיינע הענט, אַריינגעגראָבן דערין זיינע בלינדע אויגן,

נאָר גאָרניט געזען. פינסטער. ער האָט אָנגעצייגט מיטן פינ-
גער אויף אַ געוויס אָרט:

— וואָס שטייט דאָ, פּאָטער?

— שפּעטער, קינד.

דעם קינדס געזיכט האָט אויסגעדריקט ניט-באַפרידיקונג.
ער האָט אַ וואָרף געטאָן די ציימונג און זיך געווענדט צו
דער מוטער:

— דער הימל איז בלאָ?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, קינד.

— אָבער, ווי זעט עס אויס, מוטער?

פאַר אים איז נאָך ווייניק געווען בלויז דאָס באַוואוסט-
זיין, אַז דער הימל איז בלאָ, ער האָט געדאַרפט אָנקוקן: צי
איז ניטאָ דאָרט אַ ווייס וואָלקנדל?

אָרום אים איז אָבער אַזוי פינסטער.

אַך, פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אָרום אים פינסטער? צי
איז עס שטענדיק אַזוי געווען? ניין, ניין! פאַריקעס יאָר
איז ארום אים געווען ליכטיק. בלויז די נאַכט איז געווען אַזוי
פינסטער.

ער האָט געלייגט זיין קאָפּ אין זיין מוטערס שויס, האָט
מיט די הענט פאַרשטעלט די בלינדע אויגן. אויף אַ רגע האָט
זיך אים געדוכט, אַז ער איז צוריק זעענדיק, נאָר עס האָט
געדויערט איין רגע — און דאַן איז ווידער אַלץ ארום אים
געוואָרן פינסטער.

א. י. גראַדזענסקי.

# אַ גאַסט פֿאָרט

אַ גאַסט פֿאָרט, אַ גאַסט פֿאָרט —
עפֿנט אַלע בראָמען!
ניט אויף שליטן, ניט אויף רעדער —
טרעפֿט, ווי איז זיין נאָמען?
אַ גאַסט פֿאָרט, אַ גאַסט פֿאָרט —
גייט אַרויס מיט פֿאָנעס:
פֿולע קעשענעס און הויפֿנס
ברענגט ער אונז מתנות.
ניט קיין ניס און ניט קיין עפּל,
ניט אַפֿילו באַרן;
און ער ברענגט אונז, און ער ברענגט אונז
פֿייגלאַך גאַנצע שאַרן.
ניט קיין ביכלאַך, ניט קיין צאַצקעס,
ניט אַפֿילו שטריקלאַך; —
און ער ברענגט אונז, און ער ברענגט אונז
גראָז אויף אַלע בריקלאַך.
גראָז אויף בריקלאַך, זאַמד אויף בערגלאַך —
וועלן מיר זיך שפּילן;
אַז מיר ווילן — איז אין פֿערדלאַך,
און אויב ניט — אין מילן.
אַ גאַסט פֿאָרט, אַ גאַסט פֿאָרט,
עפֿנט אַלע בראָמען!
ניט אויף שליטן, ניט אויף רעדער —
פֿרילינג איז זיין נאָמען!

משה טייטש.

## דער אָראַנג-אוטאַנג

א יעגער האָט זיך אַמאָל פאַרגלוסט כאַפּן אַן אָראַנג-אוטאַנג.

די אָראַנג-אוטאַנגען זיינען אָבער זייער קלוגע און פאָרזיכטיקע חיות. וויפל מיטלען דער יעגער האָט ניט אָנגעווענדט, האָט קיינס ניט געהאָלפן.

ווי נאָר דער מענטש פלעגט זיך באַווייזן צווישן די ביי-מער, וואו עס קלעטערן ארום די אָראַנג-אוטאַנגען, פלעגן זיי בלייבן זיצן, אָנקוקן אים מיט גנב׳ישע אויגן, ווי זיי וואָלטן געטראַכט:

— אַהאַ! דו ביסט שוין געקומען נאָך אונז! ניין, דאָס וועט זיך דיר ניט איינגעבן! מיר זיינען ניט נאַרישער פון דיר!

פלעגט דער יעגער זיך אַרומדרייען אין וואַלד עטלאַכע שעה און לסוף געמוזט מיטנעמען זיינע זעק און שטריק און אַוועקגיין אַהיים מיט חרפּה.

קיין אָראַנג-אוטאַנג ניט געכאַפּט.

---

איינמאָל איז דער יעגער געפאַלן אויף אַ פּלאַן: גענומען אַ לאָגל, אָנגעגאָסן מיט סאַקי, געגאַנגען צום ברעג פון ים, אַוועקגעשטעלט דאָס לאָגל סאַקי און אַליין אָפּגערוקט זיך ווייט אָן אַ זייט.

אַוועק אַ שעה צייט, איז דער אָראַנג-אוטאַנג פאַרבייגע-

שפרונגען, און דערשפּירט דעם ריח פון סאַקי. די אָראַנג-אוּ־טאַנגען האָבן זייער ליב סאַקי. האָט דער אָראַנג-אוטאַנג זיך דערנענטערט צום לאַגל, אַ שמעק געטאָן דערינען און געזאָגט:

אָי, טאַקע די אמת׳ע סאַקי! די אמת געשמאַקע משקה!

ער האָט שוין אויפגעהויבן זיין מאָרדעלע און געוואָלט צורוקן צום לאַגל.

— ניין! — האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן — דער לאַגל איז פון הימל ניט אַראָפּגעפאַלן; דאָס האָט אים אַ מענטש אונ־טערגעשטעלט; דאָס איז בכיון פון מיינעטוועגן, דאָס וויל מען מיך אַריינגאַרן. מ׳דאַרף זיין פאָרזיכטיק.

דער אָראַנג-אוטאַנג האָט זיך אַוועקגעזעצט אָן אַ זייט און געקוקט אין הימל אַריין.

אָבער דער ריח פון סאַקי האָט אים געשלאָגן אין נאָז און ער האָט ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיק. האָט ער אָנ־געהויבן טראַכטן.

— איטלאַכע סכנה ווערט קלענער, ווען מען ווייס פון איר פריער. אָט ווען איך, למשל, וואָלט ניט געוואוסט אַז פון סאַקי קען מען שיכור ווערן, וואָלט איך מיר צוגעגאַנגען צום לאַגל, וואָלט זיך אָנגעזויפט און אַנטשלאָפן געוואָרן, און ער, דער כיטרער מענטש, שטייט געוויס ערגעץ באַהאַלטן אין אַ ווינקל. וואָלט ער באַלד אַרויסגעקראָכן, געכאַפּט אַ שטריקל, אַרומגעבונדן מיך — און פאַרטיק. צי האָב איך ניט געזען, ווי מ׳האָט אַזוי אַרום געפּאַקט מיינע חברים?

— צו מיין גליק ווייס איך אָבער, אַז דאָס איז אַ שאַרפֿע משקה. קיין סך טרינקען טאָר מען ניט דערפֿון.

— נישקשה, מענטשל! מעגסט זיך שטיין דאָרטן אין ווינקל. וועסט זיך ניט דערוואַרטן! איך בין קליגער פֿון דיר.

דער אָראַנג-אוטאַנג האָט ווייטער געטראַכט:

— מ׳דאַרף אים, דעם כיטרען מענטשל, באַווייזן אַ קונץ. — אָט וועל איך טאַקע אַ זופּ טאָן פֿון דער געשמאַקער משקה און ער וועט מיר גאָרניט קענען טאָן.

אויפֿגעהויבן זיך פֿון אָרט, צוגעגאַנגען צום לאָגל און אַריינגערוקט דעם שפּיץ מאָרדעלע:

אַ לעק מיטן צונג — אַ מחיה! עס צעגייט איבערן גאַנצן גוף.

דער אָראַנג-אוטאַנג האָט שוין געוואָלט אַ שטאַרקן זופּ טאָן. אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן. מ׳דאַרף ניט נאָכגעבן דעם חשק.

אָוועקגעזעצט זיך און געוואַרט.

אָבער וואו איז דער מענטש? שוין-זשע האָט ער זיך דאָ ערגעץ וואו באַהאַלטן?

— נאָר וואָס דאַרף איך קלערן וועגן אים? אַביסעלע קרעפּטיקן זיך מעג איך געוויס. דאָס וועט מיר גאָרניט שאַדן.

צוגעגאַנגען נאָכאַמאָל צום לאָגל און געטאָן אַ שטאַרקן זופּ. ער האָט זיך באַלעקט און געפֿילט אַלע טעמ׳ען. אין קאָפּ האָט אָנגעהויבן שווינדלען.

דעם אָראַנג-אוטאַנג איז פּלוצים איינגעפאַלן: מ׳דאַרף דעם יעגער אָפּנאַרן. מאַכן אים צו נאַר.

ער איז צוגעגאַנגען צום לאָגל, געטאָן אַ שטאַרקן זופּ סאַקי, אָפּגערוקט זיך אָן אַ זייט און אויסגעצויגן זיך אויפן זאַמד.

— אַט אַזוי וועל איך זיך ליגן אויסגעצויגן, פּונקט ווי אַ שכור. וועט דער יעגער קומען. וועט ער מיך כאַפּן. אַט דאָ וועל איך זיך טאָן אַ כאַפּ, אַ שפּרונג און ניטאָ קיין שפּור. אַי וועט ער עס בלייבן מיט אַ נאָז!

ליגט ער, דער קלוגער, פאַרזיכטיקער אָראַנג-אוטאַנג, די אויגן האַלב צוגעמאַכט, און פּריעט זיך אויף דער זון.

אַוועק אַ צוויי-דריי מינוט — קיינער ניטאָ. אַפּנים דער יעגער קען שוין די שטיק פון אָראַנג-אוטאַנג, ער איילט זיך ניט.

— פאַרוואָס קומט ער ניט? ווי לאַנג וועל איך דאָ וואַרטן? עס ווערט דאָך מיעס גלאַט ליגן און וואַרעמען זיך אויף דער זון.

דער אָראַנג-אוטאַנג טוט זיך אַ שטעל אויף אַלע פיר, קוקט זיך אַרום און שפּירט אויף אַלע זייטן — ניטאָ קיין לעבעדיקער נפש.

— ש! ניטאָ וואָס מורא צו האָבן! מ׳מעג נאָך אַ זופּ טאָן.

אַזוי האָט דער אָראַנג-אוטאַנג זיך אָפּגעשפּילט מיטן אומגעזעענעם שונא אַ פּאָר שעה, ביז וואַנען ביי אים איז

געבליבן, אַז דער גאַנצער באַהאַלטענער שונא איז זיין אײגענע פאַנטאַזיע.

און שפּילנדיק זיך האָט ער דערוויל ביסלאַכווייז, טראָפּנסווייז אויסגעזופּט די גאַנצע סאָקי, דער לאָגל איז אומגעפאַלן אַ ליידיקער.

דער אָראַנג־אוטאַנג האָט זיך שוין געקייקלט אויף זיינע פיר הענט, פונקט ווי אַ קונצן־מאַכער, וואָס ברעכט זיך און דרייט זיך אין גאַס פאַר עפּעס עסן. נאָר ער האָט עס ניט געפילט, ער איז שוין געווען שיכור — האָט זיך אים געדאַכט אַז ער גייט גלייך, נאָר די פּאַליעס פון ים טאַנצן פאַר אים אַ משונה׳דיקן טאַנץ און די צווייגן פון די ביימער דרייען זיך, ווי ווילדע באַשעפענישן.

—מ׳דאַרף זיך אַ ביסעלע צוליגן, — האָט ער געטראַכט. ניט שלאָפן, חלילה, נאָר אַזוי זיך ליגן און קוקן אין דער וועלט אַריין.

פון לאָגל האָט ער זיך געמאַכט אַ גוט, ווייך קישעלע און האָט זיך צוגעשפּאַרט. זיינע געדאַנקען זיינען באַלד פאַרטומלט געוואָרן — ער איז איינגעשלאָפן.

אַז דער אָראַנג־אוטאַנג האָט שוין שטאַרק געכראָפּעט, איז ג׳יזקומען דער יעגער, אונטערן אָרים האָט ער געטראָגן אַ זייקל מיט אַ בינטל שטריק.

אויף די שפּיץ פינגער האָט ער זיך צוגערוקט צום שלאָפנדיקן שכור, פלינק פאַרוואָרפן אויף זיינע פיר הענט די פּעטלייען און צוגעצויגן שטאַרקער.

דער שיכור האָט דערפילט אַ ווייטיק, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, אָבער שוין צו שפּעט. אַנטלויפן האָט ער ניט געקענט.

דער יעגער האָט אים באַלד אַריינגעוואָרפן אין זעקל, און פאַרוואָרפן אויפן פּלייצע.

דעם אָראַנג-אוטאַנג האָט לכתחילה שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער ליגט דאָ אין דער פינסטערניש, אַ געפּענטעטער, נאָר אַזוי ווי ער איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן אויסגעניכטערט און אין זעקל איז געווען ווייך צו ליגן — איז ער ווידער איינגע-שלאָפן.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך שוין אין אַ גרויסער שטייג ביים יעגער אין הויז.

ער האָט געשאָלטן — ניט זיך אַליין פאַר דער שכרות, נאָר דעם מענטשן פאַר זיין פאַלשקייט.

ראַקאָווסקי—קאַפּלאַן.

# זון און הימל

זון אין הימל! זון אין הימל!
שיק אונז, שיק אונז ליכט אַ סך,
ליכט אויף בערג און ליכט אין גריבער,
ליכט אין שטוב, ווי אויפן דאַך.

זון אין הימל! שיק דיין ליכט אונז
פאַר דעם פויגל אויפן צווייג;
פאַר דעם לעמעלע אין שטעלכל,
פאַר דעם הינדעלע אין שטייג.

שיק דיין ליכט פאַר אַלץ, וואָס אָטעמט
אין דער שטאָט און אויפן פעלד!
פאַר די מענטשן און פאַר די גראָזן —
פאַר דער גאַנצער, גרויסער וועלט!

יצחק קאַצענעלסאָן.

# שמואל מילנער

שמואל מילנער איז דער נאָמען פון אַ מאַן וועגן וועמען איך וויל אייך דער־ציילן.

ער איז געווען זייער רייך, און האָט געוואוינט אין אַ גרויס, גראָם שטיי־נערן הויז, ווייט פון שטאָט, לעבן זיין מיל ביים ברעג טייך. דאָרט זיינען געשטאַנען נאָך אַ צען אַנדערע נידעריקע און איינגעפאַלענע הייזלאַך. די איינוואוי־נער פון די קליינע הייזלאַך זיינען געווען פישער, און אַ טייל פון זיי האָבן אויך געאַרבעט אין מיל. אָבער שמואל האָט זיך מיט זיי קיינמאָל ניט גע׳חבר׳ט, ווייל ער איז געווען אַ שטאָלצער און האָט פיינט געהאַט מענטשן. באַזונדערס האָט ער פיינט געהאַט זיין שכן, דעם פישער אַברהם, וואָס איז געווען זייער אַ גוטער און די פישער און אַלע אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן אים געקענט, האָבן אים דוקא ליב גע־האַט.

איינמאָל, אין אַ הייסן זומער טאָג, איז שמואל געקומען פון שטאָט. ווען ער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי די קליינע הייזלאַך פון זיינע שכנים, האָט ער געזען ווי אַלע טירן זיינען פאַרשלאָסן, ווייל די פישער זיינען אַרוים פישן. זיי האָבן מיטגענומען זייערע ווייבער און קינדער און זיינען אַוועק ווייט פון ברעג. בלויז איין קליין אינגל, דער זון פון אברהם, וואָס איז געקומען פון שולע, איז געזעסן ביים ברעג טייך

און זיך אויסגעטאָן צום באָדן. און דאָס וואַסער אויף יענעם אָרט איז געווען טיף און שטורעמדיק, אַז אפילו גרויסע מענטשן, גוטע שווימער, פלעגן מורא האָבן זיך דאָרט צו באָדן.

— דאָס אינגל זוכט אויף זיך דעם טויט, — האָט שמואל אַ טראַכט געטאָן, — ער וועט דאָך אַרונטערזינקען ווי אַ שטיין.

אָבער זיין שטאָלץ און שלעכטקייט האָבן אים ניט דער־לאָזט פאַנאַנדערצוריידן זיך מיטן אינגל און אים וואָרענען ניט צו באָדן זיך אין אַזאַ געפערלאַך אָרט. ער איז אַוועק אַהיים און פאַרשלאָסן דעם טויער הינטער זיך. דאָס פלעגט ער אַלע מאָל טאָן, אָרעמע לייט זאָלן ניט קומען צו אים בעטן אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ נדבה. ווען ער איז אַריין אין הויז, האָט ער גענומען די ביכער, וואו עס זיינען געווען פאַר־שריבן אַלערליי חשבונות און זיך אַוועקגעזעצט מיט זיי לעבן פענסטער, וואָס האָט ארויסגעקוקט צום טייך. זיין פרוי און קינד זיינען דאַן געווען אין שטאָט, וואו זיי זיינען אַוועק איינקויפן זאַכן און האָבן זיך נאָך ניט געהאַט אומגעקערט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט שמואל אויפגעהויבן זיינע אויגן פון די ביכער און ארויסגעקוקט צום טייך, וואָס איז געלעגן אַקעגן זיין פענסטער. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט עפּעס ענלאַכם צו אַ קאָפּ פון אַ קינד וויגנדיק זיך צווישן די כוואַליעס.

— דאָס איז אַודאי דאָס ווילדע אינגל, אַברהם דעם פי־

שערם זון! — האָט שמואל אַ טראַכט געטאָן און האָט גע־
וואָלט ארויסגיין רופן מענטשן צו ראַטעווען דאָס קינד. ער
האָט אָבער באַלד חרטה געקראָגן: „ער איז שוין זיכער אַ
דערטרונקענער, — האָט ער ביי זיך געטראַכט, — און אויב
ער איז עס נאָך ניט, וועט ער זיכער דערטרונקען ווערן איי־
דער עס וועלן זיך צוזאַמענקלייבן מענטשן אים ארויסצו־
שלעפּן פון וואַסער". האָט ער ארונטערגעצויגן דעם פאַרהאַנג
פון פענסטער און ווייטער אַריינגעקוקט אין זיינע ביכער.

ווי ער איז געווען פאַרטיפט אין די חשבונות, האָט זיך
אים געדאַכט, אַז ער הערט עפּעס אַ טומל אין גאַס.

— דאָס האָט מען אים אַרויסגענומען פון וואַסער, —
האָט שמואל אַ טראַכט געטאָן, — אָבער אַלע הייזער זיינען
דאָך פאַרשלאָסן! זיי וועלן נאָך וועלן אריינברענגען דאָס
אינגל צו מיר אין הויז און מיר שטערן מיין רו. זיי וועלן
פאַרשמוצן די ערד און פאַרנעצן די דיוואַנען.

און דער טומל אין גאַס ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער.
אָט קלאַפּט מען שוין אין טויער. אים דאַכט זיך אַז מ'איז
אַריבערגעשפּרונגען איבער טויער. מען האָט אויך אָנגעהויבן
קלאַפּן אין די טירן פון הויז. אָבער ער זיצט אין דער הייך
און לאַכט זיך אויס פון זיי: „מיינע טירן זענען שטאַרק, זיי
וועלן ביישטיין די פּישער!". צו זיינע אויערן דערטראָגן זיך
אויסגעשרייען: „שנעלער, ראַטעוועט! שטריק דערלאַנגט!
זעך גיט אַהער!" די אויסגעשרייען האָט ער ניט פאַרשטאַ־
נען. וואָס קערן זיך שטריק אָן מיט אַ דערטרונקענעם? ער

האָט אויפגעהערט זיך צוהערן און פאַרטיפט זיך אין זיינע חשבונות.

פלוצים האָט ער דערהערט אַ קלאַפעריי פון דאַך.

— וואָס איז דאָס? האָבן זיי געוואָגט זיך ארייננצורייסן אין מיין הויז אַריין דורכן דאַך?

דאָס קלאַפעריי און דער טומל זיינען געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. פלוצים האָט ער דערפילט אַ שטיקנדיקע היץ. די סטעליע פלאַצט און אַ פייער גיט אַ זעץ אין צימער אַריין.

דער אומגליקלאַכער שלעכטער האָט געהאַט אַ טעות. דאָס אינגל איז ניט דערטרונקען געוואָרן. דאָס איז בלויז אַ קלאָץ געשוואומען אויפן וואַסער. אָבער גראָד דאַן איז געוואָרן אַ פייער ביי אים אין קיך און האָט אויך דאָס הויז אַרומגענומען. די פישער האָבן זיך דאַן אומגעקערט פון זייער פישן און זענען שנעל געלאָפן ראַטעווען דאָס הויז. אָבער דאָס הויז איז געווען פאַרשלאָסן. מיט שווערער מי האָט זיך דעם פישער אַברהם איינגעגעבן ארויפצוקלעטערן אויפן דאַך צו לעשן דאָס פייער. און ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס פענסטער פון אויבערשטן גאָרן, האָט ער געזען, ווי שמואל פאַלט אַ גע׳חלש׳טער אין דעם צימער פול מיט רויך. האָט ער פאַרלאָזן דעם פלאַמענדיקן דאַך, האָט דורכגעבראָכן דאָס פענסטער, און איינשטעלנדיק זיין לעבן, האָט ער ארויסגעשלעפט זיין אומגליקלאַכן שכן פון פייער.

ווען שמואל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שווערן שלאָף,

האָט ער זיך אַרומגעקוקט און ניט דערקענט דאָס אָרט אויף וועלכן ער ליגט. אַלץ איז אים פרעמד. בלויז די שכנים, וואָס דרייען זיך אַרום אים, דערקענט ער. און מער פון אַלעמען טוט פאַר אים אַברהם דער פישער. ער פאַרריכט זיין געלע־גער, פאַרבינדט זיינע וואונדן און גיט אים די מעדיצין.

ביסלאַכווייז איז ער געקומען צו זיין באַוואוסטזיין, און געוואוסט וואָס מיט אים טוט זיך: זיין הויז איז פאַרברענט, ער ליגט ביי אברהם דעם פישער אין הויז און זיין פאַמיליע האָבן די גוטע פישער גענומען צו זיך, און ס'איז שוין צוויי וואָכן זינט דאָס שרעקלאַכע אומגליק האָט זיך געטראָפן. ער ליגט אין הויז בא אַברהם'ען דעם פישער, וועמעס אינגל האָט זיך געטרונקען פאַר זיינע אויגן און ער, שמואל, האָט ניט געוואָלט איבעררייסן זיינע חשבונות און אים ראַטעווען. און אָט דער אַברהם האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און אים געראַטעוועט פון פייער, און איצט האָט ער אין זין צו פאַר־ריכטן זיין געלעגער און אים היילן. דאָס האָט אים שטאַרק וויי געטאָן. ער האָט געוואָלט פרעגן דעם אומגליקלאַכן גוטן פאָטער צי האָט מען כאָטש געפונען זיין זונס קערפער. ער האָט אָבער ניט געהאַט גענוג מוט צו פרעגן אים די פראַגע.

און ווי איבערראַשט ער איז פּלוצים געוואָרן, ווען ער האָט געזען דאָס ווילדע אינגל אַריינלויפנדיק אין הויז אַ לעבעדיקן, אַ פריילאַכן, און זיין פאָטער שרייט אויף אים ער זאָל זיין רואיק, ווייל דער קראַנקער קען ניט פאַרטראָגן דעם טומל.

— וואָס איז דאָס? — קלערט ער אַ פאַרוואונדערטער,
— איז די גאַנצע זאַך גאָר אַ חלום?

אָבער, ניין, דאָס איז ניט געווען קיין חלום. ער גע־דענקט גאַנץ גוט, אַלץ געדענקט ער. ערשט שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט פון זיין טעות, אַז ניט דעם אינגלס קאָפּ האָט ער דאַן געזען צווישן די כוואַליעס, נאָר אַ שטיק האָלץ, וואָס איז געשוואומען אויפן וואַסער. אָבער זיין געוויסן האָט אים זייער געפּלאָגט און יעדע גוטע זאַך, וואָס אַברהם האָט פאַר אים געטאָן, איז פאַר אים געווען ווי זאַלץ אויף זיינע וואונדן. אַ פאַר מאָל האָט ער זיך פלוצים אויפגעהויבן פון זיין געלעגער און געוואָלט פאַרלאָזן דאָס הויז, אָבער אַברהם האָט אים ניט אַראָפּגעלאָזט פון בעט, ביז ער וועט אין גאַנצן געזונט ווערן.

אַזוי איז שמואל אָפּגעלעגן צוויי חדשים ביי אַברהם׳ען אין הויז און איז געווען געצוואונגען צו עסן די שפּייז וואָס אַברהם און זיין גוטע פרוי האָבן אים דערלאַנגט. און דאָס קליינע אינגל, וואָס האָט זיך געטרונקען פאַר זיינע אויגן, האָט אים אַלע טאָג געבראַכט וואַסער פון טייך צו וואַשן זיינע וואונדן. שמואל האָט געביסן זיינע ליפּן פון ווייטיק און שאַנדע. אָפטמאָל איז אים איינגעפאַלן, אַז זיי ווייסן, וואָס מיט אים האָט געטראָפן פאַר דער שרפה: אַז ער האָט ניט געוואָלט אַרויסגיין פון הויז צו ראַטעווען זייער קינד פון וואַסער; אַז ער האָט ניט געוואָלט עפענען די טיר פון זיין הויז פאַר זייער דערטרונקן אינגל. אַלץ ווייסן זיי, און

זיי זענען אַזוי גוט צו אים, כדי גרעסער צו מאַכן זיין שאַנדע און שטאַרקער מאַכן זיין פּאַרדרוס. „יאָ, דאָס ווילן זיי זיך אָן מיר אַזוי נוקם זיין, — האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, — וואָרים איז דען מעגלאַך, אַז איך זאָל גאָרניט האָבן גערעדט פון היץ די גאַנצע צייט און אויסגעזאָגט מיין סוד?“

ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז איז שמואל געזונט געוואָרן. דער דאָקטאָר האָט אים דערלויבט ארויסצוגיין, און ווען ער איז צום ערשטן מאָל ארויס אין גאַס, האָט ער דערזען זיין גרויסן חורבן: פון זיין גרויס, שיין הויז, מיט וועלכן ער האָט אַלעמאָל שטאָלצירט, איז קיין זכר ניט געבליבן, און ס׳איז קיין סימן ניטאָ פון זיין טייער מעבל און די גוטע געוועבטע ליילאַכער, אַליץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש! שכנים האָבן אים דערציילט, אַז אין דער צייט פון זיין קראַנקייט האָבן זיך די וואַסערן פלוצים אויפגעהויבן און פאַרפלייצט די מיל און אַליץ וואָס איז אין איר געווען. זייער גאַנצע מי עפּעס צו ראַטעווען פון די שטאַרקע וואַסערן איז געווען אומזיסט.

דעם גאַנצן טאָג איז שמואל געזעסן אויף זיינע בערג אַש און ביטער געוויינט. און ווי גערירט איז ער געוואָרן, ווען זיין שכן אברהם איז צו אים צוגעגאַנגען פאַרנאַכט, און אים איבערגעגעבן אַ היפּשע סומע געלט, וואָס ער האָט פאַר אים צונויפגענומען צווישן די אָרימע פישער און צווישן זיינע באַקאַנטע אין שטאָט, ער זאָל קענען צוריק אויסבויען זיין אָפּגעברענטע הויז און זיין פאַרפלייצטע מיל.

— מען קען זיך קיינמאָל ניט אויסהיטן פון אַן אומגליק,
— האָט אים אברהם געטרייסט מיט אָפענער ליבשאַפט, ווען ער האָט געזען ווי דערשראָקן און צעטומלט שמואל איז געוואָרן, — היינט האָט דיך אַן אומגליק געטראָפן, ווער ווייס צי וועט זיך מאָרגן מיט מיר אַזעלכעס ניט טרעפן? היינט דאַרפן מיר דיר העלפן, און מאָרגן, אַז מיר וועלן זיך אין דעם נייטיקן, וועסטו אונז העלפן. פיל זענען די אומגליקן וואָס לויערן אויפן מענטשן. מיר אַלע זענען דאָך פישער. יעדער פון אונז האַלט שטענדיק מלחמה מיט די כוואַליעס פון ים, און ווער נאָך איז אַזוי אויסגעזעצט צו אַן אומגליק, ווי א פישער?

— איך ווייס, צו וואָס דיינע ווערטער זענען געצילט, — האָט דער אומגליקלאַכער געענטפערט מיט כעס, — יאָ, איך האָב ניט געוואָלט ראַטעווען דיין זון, ווען ער האָט זיך געטרונקען אין טייך. און אויב איך וועל אייך מאָרגן זען, ווי איר אַלע טרינקט זיך אין טייך, וועל איך אייך אויך ניט ראַטעווען; פאַסקודניאַקעס! איך וויל ניט אייערע נדבות!
— און ער האָט דאָס געלט אַ וואָרף געטאָן זיינע רעטער אין פנים אַריין, און איז אַוועק פון יענעם אָרט און זיך אַהין מער ניט אומגעקערט. און ביז היינט ווייס מען ניט, וואו ער איז אַהינגעקומען.

יהודה שטיינבערג.

# אַ זון מיט אַ רעגן

אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זון מיט אַ רעגן!
עס לאַכן מיר גאָלדענע טראָפּנס אַנטקעגן;
זיי לויכטן אין לופטן און פאַלן אויף מיר,
ווי גאָלדענע פונקן אויף זיידענע שניר.

אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זון מיט אַ רעגן!
עס בלאַנקען די גראָזן ביים ראַנד פון די וועגן;
עס שמייכלען די בלומען, צעקושטע פון ווינט,
אַזוי ווי עס שמייכלט דורך טרערן אַ קינד.

אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זון מיט אַ רעגן!
עס וויגט זיך דער בלוילאַכער טייך אין די ברעגן;
עס פאַלן די טראָפּנס אין וואַסער און גרינג
צעלויפן זיי ברייט אין אַ גאָלדענעם רינג.

אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זון מיט אַ רעגן!
און ווייט, ערגעץ ווייט, וואַרפט זיך איבער אַנטקעגן
אין הימל, אין בלויען, אַ פאַרביקע בריק,
אַ וועג צו אַ שטראַלנדן, הימלישן גליק.

ל. ניידוס.

# דאָס ווייסע ציגעלע

סעגען האָט קיין מזל ניט געהאַט צו זיינע ציגעלאַך.

זיי פֿלעגן באַ אים פֿאַרפֿאַלן ווערן, אַלע אויף איין שטייגער: אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן פֿלעגן זיי זיך אָפּרייסן פֿון שטריקל, אַוועקלויפֿן אין די בערג און דאָרט אין דער הייך פֿלעגט זיי דער וואָלף אויפֿפֿרעסן. קיין שום זאַך האָט זיי ניט געקאָנט אָפּהאַלטן: ניט די ליבע פֿונם באַלאַבאָס, ניט די מורא פֿאַרן וואָלף.

דאָס זיינען, ווייזט אויס, געווען ציגן, גרייט אויף אַלץ, אַבי האָבן פֿרישע לופֿט און זיין פֿריי.

סעגען האָט ניט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, וואָס איז מיט זיינע ציגן און ער האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן.

— אַ סוף! — האָט ער געזאָגט, — די ציגן איז לאַנגווייליק ביי מיר. מער קויף איך ניט קיין איין ציג אפילו.

ער האָט אָבער ניט אויסגעהאַלטן, און כאָטש עס זיינען שוין אומגעקומען באַ אים זעקס ציגן אויף איין און דעם זעלבן אופֿן, האָט ער דאָך געקויפֿט אַ זיבעטע. נאָר דאָס מאָל האָט ער אויסגעקליבן גאָר אַ יונג ציגעלע, כדי זי זאָל זיך בעסער צוגעוווינען צו אים.

אַך, ס'אַראַ שיינינקס איז געווען אָט דאָס דאָזיקע קליינינקע סעגענס ציגעלע. ווי שיין עס האָט אויסגעזען מיט אירע צאַרטע אויגן, מיטן שפּיציקן בערדל, מיט די שוואַרצע

און גלאַנציקע קאַפּיטעס, מיט אירע געשטרייפטע הערנער־לאַך און מיט איר לאַנגער ווייסער וואָל, וואָס האָט עס, ווי מיט אַ מאַנטל, איינגעהילט. דערצו איז עס נאָך געווען אַ שטילס און אַ מילדס, האָט זיך רואיק געלאָזט מעלקן און איז ניט געקראָכן מיט די פיסלאַך אין מעלקשעפל אַריין.

דאָס איז געווען אַן אַנטיקל, אַ ציג...

סעגען האָט הינטערן שטיבל זיינעם געהאַט אַ שטיקל פעלד, וואָס איז אַרום און אַרום פאַרוואַקסן געוואָרן מיט דערנער־קוסטן. אהינצו האָט ער אָפּגעפירט זיין ציגעלע. אויף דעם בעסטן שטיקל פלאַץ האָט ער עס דאָרט צוגעבונדן אויף אַ לאַנג שטריקל צו אַ פלעקל און פלעגט אַלעמאָל קומען אַ קוק טאָן, וואָס עס מאַכט. די ציג האָט אויסגעזען זייער גליקלאַך, האָט פריילאַך געריסן מיט די ציינדלאַך דאָס גראָז און סעגען האָט געקליבן נחת פון איר.

— דאַנקען גאָט! — האָט זיך געטראַכט דער אָרעמער סעגען, — אָט איז כאָטש איינע, וואָס איר וועט ניט זיין או־מעטיק ביי מיר.

סעגען האָט אָבער אַ טעות געהאַט. אויך דאָס ציגעלע האָט זיך פאַרבענקט.

איינמאָל האָט דאָס ציגעלע זיך פאַרקוקט אויף די בערג און אַ טראַכט געגעבן:

— ווי גוט דאַרף זיין דאָרט אין דער הייך! ס׳אַראַ פאַרגעניגן דאַרף זיין אַרומצושפּרינגען דאָרט אין גראָז אָן אָט דעם מיאוסן שטריקל, וואָס רייבט אָן דעם האַלז און נאַקן! דאָס פּאַסט נאָר פאַר אַן אייזל, אָדער פאַר אַן עקסל

זיך פיטערן אויף אַן אָפּגעצאַמטן פּלאַץ. ציגן דאַרפן האָבן אַ פריי פעלד.

פון דעמאָלט אָן איז איר נמאס געוואָרן דאָס גראָז פונם אָפּגעצאַמטן שטיק פעלד. עס האָט זי אָנגעכאַפּט אַ בענקעניש. זי איז געוואָרן מאָגער, האָט אויפגעהערט געבן מילך. עס איז געווען אַ רחמנות צו זען, ווי זי האָט אַ גאַנצן טאָג געצופּט דאָס שטריקל, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די בערג, צעשפּרייט די נאָזלעכער און טרויעריק געמעקעט.

סעגען האָט זיך געכאַפּט, אַז עפּעס איז איר, דער ציג זיינער, נאָר ער האָט ניט געוואוסט וואָס... איינמאָל אינדערפרי, אַז ער האָט זי אויסגעמאָלקן, האָט זיך די ציג אומגעקערעוועט צו אים און אַ זאָג געטאָן אויף איר לשון:

— הערט נאָר, באַלאַבאָס, ס'מיר אומעטיק באַ אייך, לאָזט מיך אָפּ אין די בערג.

— אַך, גאָט מיינער, זי אויך! — האָט סעגען דערשראָקן אויסגעשריען און פון גרויס שרעק האָט ער איבערגעקערט דאָס מעלקשעפל און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז לעבן זיין ציגעלע.

— בלאַנקעטע, וואָס הייסט, דו ווילסט מיך אַוועקוואַרפן?

— יאָ, הער סעגען.

— וואָס, ס'פעלט דיר דען גראָז?

בלאַנקעטע האָט געענטפערט:

— אַ, ניין, הער סעגען.

— אפשר איז דאָס שטריקל צו קורץ? ווילסט, וועל איך צובינדן אַ לענגערס.

— ניט נייטיק, באַלאַבאָס.

— וואָס-זשע דען דאַרפסטו, וואָס-זשע ווילסטו?

— איך וויל גיין אין די בערג, הער סעגען.

— צי ווייסטו דען ניט, אומגליקלאַכע, אַז אין די בערג איז דאָ דער וואָלף? וואָס וועסטו טאָן, אַז ער וועט אָנקו־מען?

— איך וועל אים געבן אַ שטויס מיט די הערנער, הער סעגען.

— דער וואָלף לאַכט זיך אויס פון דיינע הערנער. ער האָט שוין גענוג ציגן מיר אויפגעפרעסן, און מיט אַביסל גרעסערע הערנער, ווי דיינע. געדענקסטו די אָרעמע אַלטי־טשקע רענאָד, וואָס איז דאָ געווען פאַראַיאָרן? ס׳אַראַ גרויסע ציג דאָס איז געווען, און אַ מין שטאַרקע און בייזע, ווי אַ באָק! אַ גאַנצע נאַכט האָט זי זיך געראַנגלט מיטן וואָלף, און אינדערפרי האָט זי פאָרט דער וואָלף אויפגע־פרעסן.

— אומגליקלאַכע רענאָד, נעבאַך!... אָבער דאָס מאַכט ניט אויס, הער סעגען, לאָזט מיך אַוועקגיין אין די בערג.

— גאָט מיינער! — האָט סעגען געזאָגט — וואָס איז געוואָרן מיט מיינע ציגן? אָט וועט דער וואָלף נאָך איינע פאַרצוקן. אָבער, ניין! איך וועל דיך ראַטעווען, כאָטש דו ווילסט ניט. און כדי דו זאָלסט זיך ניט אָפּרייסן פון שטריקל, וועל איך דיך אויף שטענדיק פאַרשפאַרן אין שטעלכל.

און סעגען האָט אַוועקגעטראָגן די ציג אין פינסטערן שטעלכל און האָט פאַרשלאָסן די טיר אויף אַ צווייענדיקן שלאָס. צום אומגליק האָט ער פאַרגעסן, אַז דאָרט איז פאַראַן אַ פענסטערל, און ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעקערעוועט, האָט די ציג זיך ארויסגעכאַפּט פון דאָרט.

אַז דאָס ציגעלע איז געקומען אין די בערג אַריין, איז דאָרט געוואָרן אַ גרויסע פרייד. די אַלטע סאָסנעס האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ שיינקייט. מע האָט זי אויפגענומען ווי אַ קליינע פרינצעסן. די קאַשטאַן-ביימער האָבן זיך אָנגע־בויגן ביז צו דער ערד, כדי צו גלעטן די ציג מיט די שפּיצן פון זייערע צווייגן. די גאָלדענע גרעזעלאַך האָבן פאַר איר געמאַכט אַ וואָרע, בעת זי איז געגאַנגען. דער גאַנצער באַרג האָט זי אויפגענומען יום-טוב׳דיק.

איר שטעלט זיך פאָר, ווי אונזער ציג איז געווען גליק־לאַך! ניטאָ מער קיין שטריקל, ניטאָ מער קיין פלעקל... ניטאָ מער, וואָס זאָל זי ניט לאָזן שפּרינגען, רייסן די בלעט־לאַך, ווי איר גלוסט זיך. און וויפל גראָז דאָ איז פאַראַן! העכער איבער די הערנער! און וואָס פאַר אַ גראָז! גע־שמאַקע, דינינקע, מיט שפּיצן, טויזנטערליי מינים... אַביסל בעסער גראָז, ווי דאָרט אויפן אָפּגעצאַמטן פלאַץ! און וויפל בלומען! גרויסע, בלויע גלעקעלאַך, פּורפּורנע פינגערהוטן מיט לאַנגע בעכערלאַך — אַ גאַנצער וואַלד מיט ווילדע בלומען, וואָס פון זייער שטאַרקן זאַפט פאַרדרייט זיך דער קאָפּ.

די ווייסע ציג, וואָס איז געווען אַביסל פאַרשכורט, האָט

זיך געוואַלגערט אין גראָז מיט די פיס אין דער לופטן און האָט זיך אַראָפּגעקוילערט אינאיינעם מיט די אַראָפּ־געפאַלענע בלעטלאַך און קאַשטאַנען באַרג־אַראָפּ... דער־זאָך האָט זי מיטאַמאָל מיט איין שפּרונג זיך ווידער גע־שטעלט אויף די פיס: האָפּ! און זי איז אַוועק ווייטער מיט אַן אויסגעצויגענעם קאָפּ איבער די געדיכטע קוסטן און קליינע בוקסביימעלאַך; אַט פליט זי אַרויף ביזן סאַמע שפּיץ באַרג, און אַט לאָזט זי זיך אַראָפּ אין אַ טיפן גרוב; אַרויף, אַראָפּ, אומעטום. עפּעס האָט דאָס אויסגעזען, גלייך ווי ניט איינע, נאָר גאַנצע צען ציגן זיינען אַנטלאָפן פון סעגענען.

בלאַנקעטע האָט פאַר קיין שום זאַך ניט מורא געהאַט.

---

מיטאַמאָל האָט אַ בלאָז געטאָן אַ קאַלט ווינטל. דער באַרג איז געוואָרן פיאָלעט. די נאַכט איז צוגעפאַלן.

— שוין! — האָט די קלוגע ציג געזאָגט און איז גע־בליבן שטיין שטאַרק פאַרוואונדערט.

אונטן זיינען די פעלדער פאַרזונקען געוואָרן אין גע־דיכטן נעפל, און פון דער שטוב האָט מען מער ניט אַרויס־געזען, ווי דעם דאַך און אַ קליינינקן רויך איבער אים. די ציג האָט דערהערט גלעקלאַך פון אַ טשערעדע, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דער פּאַשע, און אויפן האַרצן איז איר געוואָרן אַזוי אומעטיק... אַ נאַכטפויגל איז איבער איר דורכגעפלויגן און האָט אַ ציטער געטאָן... דערנאָך האָט עפּעס אָנגעהויבן צו ברומען אין די בערג:

— הו! הו!

זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם וואָלף. אַ גאַנצן טאָג איז ער איר, דעם נאַרישן ציגעלע, אפילו אויפן זינען ניט אַרויף... ווייט-ווייט אין טאָל האָט זיך אין דער זעלבער רגע געלאָזט הערן אַ שאַלן פון אַ האָרן. דאָס האָט סעגען זי גערופן.

— הו! הו! — האָט געברומט דער וואָלף.

— קער זיך אום! קער זיך אום! — האָט געשריען דער האָרן.

בלאַנקעטע איז שוין געווען גרייט זיך אומקערן, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פלעקל, שטריק און אַרומגעצאַמטן פעלד און זי האָט געפילט, אַז זי וועט שוין מער דאָ ניט קאָנען לעבן און ס'איז בעסער שוין בלייבן דאָ...

דער האָרן איז אַנטשוויגן געוואָרן.

די ציג האָט דערהערט הינטער זיך אַ גערויש פון די בלעטלאַך. זי האָט זיך אומגעדרייט און דערזען אין דער פינסטערניש צוויי קורצע און אָנגעשפּיצטע אויערן מיט צוויי ברענענדיקע אויגן...

דאָס איז געווען דער וואָלף.

ער איז געזעסן אויף די הינטערשטע פיס אַ געוואַלטיק גרויסער, ווי אַ פאַרגליווערטער, האָט געקוקט אויף דער קליינינקער ווייסער ציג און האָט זיך באַלעקט פון פאַרגעניגן. דער וואָלף האָט געוואוסט, אַז ער וועט זי אויפפרעסן און דעריבער האָט ער זיך בייז צעלאַכט:

— האָ, האָ! סעגענס קליין ציגעלע! — און האָט אַ

פיר געטאָן מיט זיין גראָבער, רויטער צונג איבער די רויטע יאַסלעס.

בלאַנקעטע האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז פאַרפאַלן. זי האָט זיך דערמאָנט די געשיכטע מיט דער אַלטער רענאָד, ווי זי האָט זיך געראַנגלט אַ גאַנצע נאַכט מיטן וואָלף, ביז זי איז גאַנץ פרי פאַרצוקט געוואָרן.

דער מוראדיקער וואָלף האָט זיך דערנענטערט און די קליינע הערנערלאַך האָבן אָנגעהויבן אַרומטאַנצן.

אָ, די בראַווע ציג, ווי זי האָט זיך געפּליסט! אָן אַ גוזמא — צען מאָל האָט זי געצוואונגען דעם וואָלף אָפּטרעטן און איבערכאַפּן דעם אָטעם...

— אָ, ווען איך זאָל נאָר דערציִען ביז עס וועט אָנהייבן טאָגן...

איינס נאָכן אַנדערן האָבן די שטערן זיך אָנגעהויבן אויסלעשן. בלאַנקעטע האָט מיט אַ טאָפּלטער קראַפט גע־קלאַפּט מיט די הערנער, אַלץ טיפער האָבן זיך איינגעביסן דעם וואָלפס ציין...

אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ בלייכער ליכט־פּאַס. פון אַ פאַרם האָט זיך געלאָזט הערן אַ הייזעריק קרייען פון אַ האָן.

— אַ סוף! — האָט געזאָגט די אָרעמע ציג, וואָס האָט נאָר געוואַרט אויפן טאָג כדי צו שטאַרבן, און זי איז אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד, און איר ווייסער פוטער איז גע־ווען איינגאַנצן אין בלוט...

**א. דאָדע.**

# נאָך זונפאַרגאַנג

אויף עפּעס וואַרטן באַרג און טאָל,
דער וואַלד הערט אויף צו ברומען;
אַלץ נידעריקער נייגן זיך
צו דער ערד די בלומען.

דער טייך אַזוי ווי אַ שפּיגל גלאַט,
עס רירט זיך ניט דאָס וואַסער;
עס ווערט דער אָוונט שטילער אַלץ,
אומעטיקער, בלאַסער...

און אויבן ווי אַ סטאַדע שאָף,
די קופּער־וואָלקנס ליגן;
אַ פויגל ערגעץ גיט אַ זינג
און ווערט באַלד אַנטשוויגן.

נחום י.



## צוויי חברים

לאַסקע און יאָסעלע זיינען געווען צוויי שכנים און תלמידים אין איין שולע. יאָסעלע איז געווען געקליידט שענער פאַר אַלע קינדער אין שטאָט, ווייל זיינע עלטערן זיינען געווען די רייכסטע. יאָסקע איז געווען דער בעס־טער תלמיד אין שולע.

אַז יאָסעלע פלעגט גאַנץ פרי אַרויסגיין אָנגעטאָן אינם נייעם טולופּל, שטיוועלאַך — אויף צו שפּיגלען זיך אין זיי — אַ גוטן לעדערנעם ראַנצן־טאַש, מיט אַ פריילאַך האַרץ און מונטער געזיכט — פלעגט אים יאָסקע נאָכקוקן דורכן פענס־טערל, פלעגט וואַרפן אַן אויג אויף זיינע אַלטע, צעריסענע קליידער, אויסגעדרייטע שטיוועלאַך, אומעטיקע פאָטער און מוטער און פלעגט זייער מקנא זיין דעם אויסגעפּוצטן חבר.

אַזוי איז געווען אויף דער גאַס, ביז צום חדר.

אין חדר אָבער איז שוין יאָסקע געווען דער מיוחס.

און יאָסעלע פלעגט זען, ווי דער לערער האָט אַזוי ליב יאָסקען. די בעסטע צייכנס כאַפּט ער אוים; אויף וואָס מען פרעגט אים, האָט ער גרייט אַ תשובה אויף דער צונג. און עס פלעגט אים אָנגעמען אַ פאַרדרוס: פאַרוואָס? אַזאַ קבצן? אַזאַ אָפּגעריסענער? ! שענער וואָלט דאָך פּאַסן, איך זאָל האָבן די גוטע צייכנס! מיך זאָל דער לערער גלעטן איבערן בעקל!

איין טאָג איז יאָסעלע אַרויסגעגאַנגען פריער און האָט

זיך אַוועקגעשטעלט וואָרטן אויפֿן חבר. ווי ער האָט אים נאָר דערזען פֿון ווייטן, האָט ער אים אָנגעהויבן רופֿן:

— אָפּגעריסענער!

— קעלבל! — האָט אים יענער אָפּגעצאָלט.

— באָרוועסער!

— קעצענער מוח!

אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט — די קינדער האָבן זיך דער־נענטערט מיט די פֿויסטן אין דער לופֿט.

— אַ נו, פּרואוו, הייב אָן!

— אַ נו, פּרואוו, ריר מיך אָן!

באַביידע האָט געברענט אַ פֿייער אין די אייגעלאַך, נאָר יעדערער האָט געוואָלט אַז שלאָגן דעם חבר, אַז בלייבן אַ גערעכטער. דערפֿאַר האָט יעדער פֿון זיי געוואָלט זיין — נישט דער אָנהייבער.

— נו, אָט האָב איך דיך אָנגערירט.

— און אָט האָב איך דיר אַ צופּ געטאָן.

און נישט צו וויסן, ווער ס׳האָט באמת אָנגעהויבן, האָבן זיך ביידע חברים געפֿונען שוין אין מיטן געשלעג. ביידע האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, ווי אמת׳ע גוטע פֿריינט, און האָבן זיך געוואָרפֿן פֿון די פֿיס. קייקלענדיק זיך אויף דער ערד האָבן זיי זיך נאָך געריסן און געביסן און האָבן נישט באַ־מערקט, ווי פֿון ווייטנס לויפֿט אָן אַ פֿייעטאָן מיט דריי פֿערד. אָט־אָט פֿאָרט ער אויף זיי אַרויף.

— שטיי! אוי, אוי! — האָבן צוקוקער אין איין קול געשריגן.

נאָר די קינדער האָבן קיין געשרייען נישט געהערט, אויסער זייערע אייגענע, און פערד פאַרשטייען נישט קיין אידיש.

אַז מ׳האָט זיי אויפגעהויבן פון דער ערד אין חלשות, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בײַ איינעם איז אַ צעבראָכענער פוס, ביים צווייטן אַ צעבראָכענע האַנט. מ׳האָט זיי ביידן אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל און אַוועקגעלייגט אין שכנות׳-דיקע בעטלאַך — איינעם קעגן צווייטן.

---

אַז יאָסקע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט פאַרוואונדערט: וועד זיינען עס די הויכע ווענט? ווי קומען אַהער יענע גרויסע פענסטער? ווער זיינען די מיידלאַך אין ווייסע פאַרטוכער, וואָס שוועבן דאָ אַרום פון בעטל צו בעטל און לאָזן אומעטום אַזאַ שמייכעלע!?... וואו איז ער? אַ חלום איז דאָס? און אפשר איז ער אויף יענער וועלט, אין גן־עדן?

ער פּרובירט אַ ריר טאָן מיט דער האַנט, און... אוי, אַ ווייטיק!

אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף אַ זייט, האָט ער דערזען דעם חבר אַ בלייכן און האָט זיך דערמאָנט אָן אַלץ, וואָס ס׳איז פאַרגעקומען. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָ איז אַ שפּיטאָל.

עס האָט זיך אים פאַרוואָלט אויפהייבן אַ פויסט אַקעגן יענעם, נאָר — אוי! וואו איז די האַנט? אוי, אַ ברעכעניש דאָס איז!

ער האָט זיך צעוויינט. ער וויל פרעגן, וואו איז זיין פאָטער, זיין מוטער, די שוועסטערלאַך? נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָ, אין שפּיטאָל, לאָזט מען קיינעם נישט אַריין צו די קראַנקע. אַ פרעמדער איז ער דאָ. אַלץ און אַלע זיינען אים דאָ פרעמד. אַ חוץ דעם אַט, וואָס ליגט אַקעגן אים.

ער האָט זיך נאָך מער צעוויינט. אויף זיין געוויין האָט זיך געהערט אַ כליפּען פון דעם צווייטן בעטל. אַפּנים, יענער האָט זיך אויך דערפילט דאָ פרעמד.

באַלד איז אויסגעוואַקסן לעבן זיי איינע פון די ווייסע מיידלאַך, וואָס שוועבן דאָ אַרום, און האָט איינגעטיילט: דעם — אַ שמייכל, יענעם — אַ גלעט איבערן בעקל: רואיק — זאָגט זי — קינדערלאַך, ליגט רואיק! מען דאַרף נישט וויינען. אין עטלאַכע טעג אַרום וועט איר דאָך געזונט!

אין אָנפאַנג פלעגט יאָסקע ניט קאָנען ליידן אויף זיך די האַנט פון יענעם ווייסן מיידל. ער האָט געבענקט נאָך דער מוטערס האַנט, נאָך אַ שמייכל פון זיינע שוועסטערלאַך. נאָר שפּעטער, אַז דאָס ווייסע מיידל האָט אָן אים פאַרגעסן, האָט עס אים געקרענקט און גליקלאַך איז ער געווען, אַז אים איז צוגעפאַלן מער אַ שמייכל, ווי אַנדערע קראַנקע. ער האָט אָנגעהויבן בענקען נאָך די ווייסע מיידלאַך.

— די ווייסע מיידלאַך האָבן אונז ביידע גלייך ליב, — טראַכט ער זיך, — ווען זיי קומען צו מיר, פאַרגעסן זיי אויך נישט דעם חבר.

עס איז געווען פרייטאָג. דער וועכטער איז אַריינגעקומען און האָט ביידע אָנגעטאָן נייע קליידער, וואָס איז

באַשטאַנען פון אַ העמד — און שוין. דאָס ערשטע מאָל האָט זיך יאָסקע דערזען אין קליידער גלייך מיט יאָסלען.

און דאָס ווייסע מיידל קומט אָפּט צו זיי צו, און לויבט זיי ביידן פאַרן דאָקטאָר:

— טייערע קינדערלאַך! זיי פאָלגן אַזוי! חכמים זיי־נען דאָס!

דאָס ערשטע מאָל הערט יאָסעלע, ווי מען לויבט אים גלייך מיט יאָסקען.

אין דער זעלבער פּאַלאַטע איז געלעגן אַ קראַנקער אין שטאַרקער, שטאַרקער היץ. ביי אים אויפן ברעטל איז געווען געשריבן: פּערציק מיט אַכט צענטל. דער קראַנקער האָט גערעדט פון פייער, געקריגט זיך מיט דער גאַנצער וועלט. דאָס ווייסע מיידל איז געשטאַנען איבער אים אַ פאַר־זאָרגטע און האָט אים געלייגט אַ פענכער אייז צום קאָפּ.

און דער קראַנקער קריגט זיך מיט דער גאַנצער וועלט, מיט עפּעס איינעם, וואָס קיינער זעט אים נישט... פּלוצלונג הייבט ער אויף די האַנט אין דער לופט... קליפּה! — שרייט ער — אַוועק פון מיר!... עס הערט זיך אַ קנאַק איבער דער פּאַלאַטע... אַ געשריי... דאָס ווייסע מיידל פאַלט אויף דער ערד באַגאָסן אין בלוט. דער קראַנקער האָט איר פון היץ אַזאַ פּאַטש געגעבן.

דאָס ווייסע מיידל איז אַרויס פון דער פּאַלאַטע. קראַנקע האָבן זיך אויפגערעגט. יאָסקע מיט יאָסעלען קריצן מיט די ציינער. ווען זיי זאָלן קאָנען, וואָלטן זיי דעם קראַנקן צעביסן, צעריסן פאַר כעס.

זיי האָבן זיךביידע אַזש צעוויינט פון צאָרן.

— אַ מכה וועט ער זי שוין זען לעבן זיך! — טרייסט זיך יאָסעלע, און זאָגט עס צו זיך הויך אויפן קול.

— נישט קראַנק איז ער אַליין זיך צו לייגן דעם פּענ־כער! — איז זיך אויך יאָסקע נוקם.

נאָר באַלד נאָכדעם האָט זיך ווידער געוויזן דאָס ווייסע מיידל, שוין אָפּגעוואַשן פונם בלוט, מיט אַ געשוואָלענער באַק. זי האָט זיך ווידער אַוועקגעשטעלט באַם קראַנקן, פאַר־זיכטיק פאַריכט דעם פּענכער אויפן קאָפּ, געמאַסטן די היץ, און אַז זי האָט אָפּגעקראַצט דעם טערמאָמעטער, האָט זי זיך פאַרקוקט אויף אים. צוויי טרערן האָבן זיך אַרויסגע־קייקלט פון אירע אויגן.

יאָסעלע מיט יאָסקען האָבן זיך ברוגז'ערהייט איבער־געקוקט.

— דאָס ווייסע מיידל איז אַ מלאָך — האָט זיך באַ איי־נעם אַרויסגעריסן פון מויל.

— זי האָט אונז אַלע אַזוי ליב! — זאָגט דער צווייטער.

אַ גאַנצע נאַכט נאָכדעם האָט זיך יאָסעלען גע'חלומ'ט ווייסע מלאָכים מיט געשוואָלענע באַקן און פּערל פאַלן זיי פון די אויגן.

אין דערפרי האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אַרומגעקוקט און דערזען, ווי באַם חבר איז די דעק אַראָפּגעפאַלן. יענער מאַטערט זיך זי אויפצוהייבן, נאָר דער פוס איז אים אַזוי באַנדאַזשירט, אַז ער קאָן זיך קיין ריר נישט טאָן.

יאָסעלע האָט אויסגעשטרעקט דעם פוס און אויפגעהויבן

מיט אים די דעק. יענער האָט מיט בליצנדיקע אייגלאַך אויף אים געקוקט.

שפּעטער מיט אַ שעה האָט זיך יאָסעלען געוואָלט אַ טרונק. לעבן אים איז געשטאַנען אַ פלעשל קעפיר, נאָר ער האָט מיט דער קראַנקער האַנט נישט געקאָנט דערלאַנגען דערצו. ער האָט נאָר געקוקט אַהין מיט דורשטיקע אויגן און באַלעקט די פאַרטריקנטע ליפּעלאַך.

יאָסקע האָט זיך אַנגעשטויסן. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און דערלאַנגט דעם חבר דאָס פלעשל קעפיר.

יענער האָט אים אָפּגעצאָלט מיט אַ פריינטלאַכן שמייכל.

— יאָסקע! — הייבט יאָסעלע גלייך אָן, — ווייסט וואָס איך טראַכט? אַז איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך דאָך מסתמא זיין אַ רייכער! נו, וועל איך אויסבויען אַזאַ שפּיטאָל.

— און איך, יאָסעלע, ווייסט וואָס? איך וועל אויס- וואַקסן אַ דאָקטאָר! טאָקע אין דיין שפּיטאָל!

— יאָ, יאָ! און מיינע מיט דיינע שוועסטערלאַך וועלן מיר מאַכן פאַר ווייסע מיידלאַך. יאָ, יאָסקע?

— יאָ, יאָ! אַזוי ווי אָט אונזערע פון דאַנען!

אוןביידע חברים האָבן פאַרפירט אַ שטילן ליבלאַכן פלוידער, ווי צוויי פייגעלאַך אויף איין צווייגל און האָבן זיך גענומען וואַרטן, ביז זיי וועלן גרויס ווערן.

יהודה שטיינבערג

# האַרבסט

ס'איז דער האַרבסט געקומען,
ס'וועלקן בוים און בלום.
געלע בלעטער זע איך
וואַלגערן זיך אַרום.

ס'קומט אַ ווינט אַ קאַלטער,
פייפט אַ לידל צו,
און די אָרימע בלעטער
האָבן ניט קיין רו.

הייבן זיך און טאַנצן
טויטערהייט, אָן מאַכט,
און דער ווינט דער בייזער,
פייפט און שפּילט און לאַכט.

אברהם רייזען.

# פאַרלאָרן דעם באַלאַבאָס

## (א)

אַ נ ג ז אַ ם, אָפּשטעלנדיק זיך יעדע ווײַלע, האָט דאָס פערד געפירט דעם וואָגן מיט עפּל. נאָכן וואָגן זײַנען נאָכגעגאַנגען אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק און אַ אינגל פון אַ יאָר צוועלף.

דער מאַן איז דאָס געווען דער אייגנטימער, דער באַלאַבאָס פון דעם וואָגן מיט די עפּל, און דאָס אינגל — סעמי האָט ער געהייסן — איז געווען אַ געדונגענער העלפער, אַן אויסשרייער, און צו דערזעלבער צייט אַן אַרויפטרעגער פון די עפּל צו די קונים.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון ווינטער און דער סוף פון דעם טאָג. דאָס וועטער איז אויסגעפאַלן אַ שלעכטס, אַ צרה'דיקס: עס האָט געבלאָזן אַ קאַלטער, שנײַדנדיקער ווינט, און עס האָט ניט אויפגעהערט צו שפּריצן אַ קאַלט רעגנדל, וואָס האָט דורכגענומען דורך און דורך מיט פײַכקייט און מיט קעלט.

אַ לייכט זומערדיק דזשעקעטל און אַ פּאָר לייכטע קורצע „קני-הייזלאַך", האָבן שלעכט באַשיצט דאָס אָרימע אינגל פון דעם גרויזאַמען וועטער. פון די הייזלאַך האָט זיך אין טייל ערטער אַרויסגעזען דאָס הוילע לײַב, און פון זײַנע צעריסענע שיך האָבן אַרויסגעשטעקט די פינגער. דאָס

אינגל האָט זיך געיאָזשעט און געטרייסלט פון קעלט — און אפשר אויך פון הונגער. זיין קליין אויסגעדאַרט פּנים איז געווען בלאַס און בלוי, אַנגעשוואָלן פון פייכטקייט און אי־בערגעפראָרן פון קעלט.

— „פּיוו סענטס איי האָל לאָט“, — האָט עפּעס מיט אַ באַנומענעם קול אויסגעשריען דער באַלאַבאַס.

— „עי, אַפּלז!“ — האָט נאָכגעשריען סעמי מיט אַ היי־זעריקער, קינדערשער, האַרצרייסנדיקער שטים.

קיינער האָט אָבער קיין עפּל ניט געבעטן און דאָס פערד האָט געגעבן אַ טראָט ווייטער.

— וועלן מיר באַלד פאָרן אהיים? — האָט סעמי גע־פרעגט זיין באַלאַבאַס, און עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

דער באַלאַבאַס האָט אין אָט דעם שלעכטן טאָג אויך שלעכטע געשעפטן געמאַכט, און ער האָט ניט גערעכנט פאַר נייטיק צו ענטפערן אויף זיין אינגלס פראַגע.

— „פּיוו סענטס איי האָל לאָט!“

— „עי, אַפּלז!“

עס זיינען פאַריבער נאָך אייניקע מינוטן.

— וועלן מיר באַלד פאָרן אהיים? — האָט סעמי ווײ־טער געפרעגט, און זיין קינדערש האַרץ האָט געקלעמט פאַר ווייטיק.

דער באַלאַבאַס האָט אַ לאַנגזאַמען, בייזן, שאַרפן בליק געגעבן אופן קינד, און אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעצייגט אַ ווילדע הנאָה. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער מאַן וויל זיי

ווילדע אומצופרידנקייט פון זיינע היינטיקע שלעכטע גע־
שעפטן אויסגיסן אויף זיין געדונגענעם אינגל.

— ווען איך וואָלט וויסן, — האָט דער באַלאַבאָס גע־
ענטפערט, — אַז דו ביסט אַזאַ פויל אינגל, וואָלט איך דיך
אפילו אומזיסט ניט גענומען.

— איך פויל זיך ניט, — האָט סעמי געענטפערט, —
מיר איז קאַלט. און זיין קול האָט געציטערט פון טרערן.

— קאַלט? — האָט אים איבערגעריסן דער באַלאַבאָס,
— וואָס אַרט עס מיך? אַ קוואָדער וועסטו דאָך ווען נעמען.

— „פייוו סענטס איי האָל לאָט!“...

— „עי, אַפלז!“ — האָט אויסגעשריען אַ שטים פול
מיט טרערן.

און דאָס פערד איז זיך לאַנגזאַם געגאַנגען און געגאַנגען.
סעמי האָט דערפילט, אַז ער פאַלט פון די פיס און ער האָט
זיך אָנגעהאַלטן אָן וואָגן.

(ב)

— נעם גיי אַריין אַהער, — האָט דער באַלאַבאָס אָנגע־
צייגט סעמין אויף אַ געוויסע הויז, — אָבער קלאַפּ אָן טיר
אין טיר: ווען דו וועסט פאַרקויפן, קום גלייך אַראָפּ נעמען
נאָך אַ עמער מיט עפּל; ווען ניט, גיי איבערן דאָך אין דעם
צווייטן הויז. געשווינד!

און סעמי איז אַוועק אין דעם אָנגעצייגטן הויז. דאָס איז
געווען אַ פלעט־הויז. דער קאָרידאָר איז געווען באַדעקט מיט
קאַרפּעט און מיט דאַמף געוואַרעמט. סעמי האָט גענומען
קלאַפּן פון טיר צו טיר. קיינער האָט אָבער קיין עפּל ניט גע־

דאַרפֿט. ביי די שכנים אין די צימערן האָט שוין פֿייער גע־ברענט. פֿון אייניקע דירות האָבן זיך געהערט פֿריילאַכע קינ־דערשע פּלאַפּלעריי און געלעכטער און פֿון אייניקע האָבן זיך געטראָגן טענער פֿון פּיאַנעס.

אָט קלאַפּט סעמי אָן אין אַ טיר. מען עפֿנט; עלטערן צוזאַמען מיט די קינדער זיצן ביים טיש און מען טרינקט טיי.

— „אַפּלז?“ — פֿרעגט סעמי.

— „נאָו!“ — ענטפֿערט מען און מען פֿאַרהאַקט בייז די טיר.

אין אַ צווייטן פּלאַץ זעט סעמי, ווי די קינדער זיצן זיך און עסן. דער הונגעריקער סעמי דערפֿילט דעם גערוך פֿון די עסנוואַרג, און זיין פֿאַרקלעמט האַרץ פֿאַנגט אָן נאָך שטאַרקער ווי צו טאָן. נאָך אין אַ פּלאַץ עפֿנט זיך האַסטיק די טיר און אַ פֿריילאַך, [illegible] ליידט מיידעלע ווייזט זיך.

— עני, אַהערצו קו[illegible]ָרהערט זיך הינטער איר אַ קול פֿון אַ פֿרויענצימער, — [illegible]ף ניט ארום איבערן האָל, ווּעסט זיך נאָך פֿאַרקילן.

באַלד צייגט זיך די פֿרוי און נעמט צו צוריק דאָס מיי־דעלע.

אַזוי גייט סעמי ביזן העכסטן שטאָק, און קיין עפּל האָט ער ניט פֿאַרקויפֿט. סעמי נעמט גיין אויף די טרעפּלאַך, וואָס פֿירן צום דאַך, נאָר ער האָט דערפֿילט, ווי דער רעגן שמייסט אָן דער בלעך פֿון דאַך און ער בלייבט אַ ווײַלע שטיין. אין קאָרידאָר איז וואַרים און טרוקן. סעמין, דעם מידן איבער־געפּראַרענעם איינגל, פֿאַרווילט זיך אָפּרוען.

— פון וואַנען וועט דער באַלאַבאָס וויסן? — טראַכט דאָס קינד, — ער וועט מיינען אַז איך האָב זיך עטוואָס לענ־גער פאַרזאַמט. סעמי זעצט זיך אַוועק, ווי אַן אונטערגע־האַקטער און שפּאַרט זיך אָן אָן דעם עמער מיט די עפּל.

סעמי האָט זיך פאַרטראַכט וועגן די קינדער, וואָס האָבן געגעסן, געטרונקען און געשפּילט... ער נעמט זיך פאָר־שטעלן, אַז ער איז אויך איינער פון זיי און אַז ער עסט, אַז ער טרינקט, אַז ער שפּילט... אין קאָרידאָר איז טרוקן און וואַרעם, אַ דרעמל האָט גענומען שמידן סעמיס צעווייק־טע, צעפראָרענע גלידער... ער האָט עפּעס אַזוי ווי דער־שראָקן אַ כאַפּ געטאָן זיך, אָבער באַלד איז ער ווייטער אַנט־שלאָפן געוואָרן.

דער באַלאַבאָס האָט לאַנג אויף זיין אינגל ניט געוואַרט; ער האָט זיך געהאַט זיין ט‎ר... ייע רעכענונג: דער טאָג האָט זיך שוין געענדיקט; דעם א... ‎רף ער שוין סאַי־ווי־סאַי שיקן אַהיים; אַ קוואָדער אי... אָך אים שולדיק, און דער עמער צוזאַמען מיט די עפּל איז דאָס ניט ווערט.

און ער האָט זיך גענומען ווייטער פאָרן; ער איז דאָס שוין געפאָרן אַהיים.

(ג)

ווער ווייס, ווי לאַנג סעמי וואָלט געשלאָפן, ווען אַ שכנה פון דעם הויז וואָלט ניט געגאַנגען אַ קוק געבן, אויב דער ווינט האָט ניט צעשמיסן ‎ִי וועש, וואָס איז געהאַנגען אויפן דאַך.

סעמי האָט דערפילט, ווי עמיצער האָט אים געגעבן אַ

טופ מיטן פוס... ער האָט זיך אַ כאַפּ געגעבן ניט טויט ניט לעבעדיק. מיט שרעק האָט ער אַ קוק געגעבן אַרום זיך. לעבן אים איז געשטאַנען אַ גרויסע, דיקע, געזאָלצטע פרוי.

— אַוועק פון דאַנען, דו לויפער! — האָט די פרוי זיך צעשריען, — דאָ איז קיין פּלאַץ ניט צום שלאָפן.

„אַפּלז!" — האָט סעמי אַ שטאַמל געגעבן, האַסטיק אויפגעהויבן זיך און ער האָט געכאַפּט לויפן אַראָפּ די טרעפּ.

ווען סעמי איז ארוים פון האָל איז שוין געווען פינסטער.

— „עי, אַפּלז!" — האָט ער אויסגעשריען און גענומען מיט די אויגן זוכן דעם וואָגן מיט די עפּל, דער וואָגן איז אָבער מער ניט געווען.

אַ פאַרלוירענער, אַ דערשראָקענער האָט דאָס אינגל גענומען ארומלויפן. ער איז אַוועקגעלאָפן אין עוועניו, פון דאָרטן אין גאַס, פון דער גאַס ווייטער אין עוועניו... דער וואָגן מיט די עפּל איז פאַרלאָרן געגאַנגען.

אין איין מינוט האָט סעמי זיך פאָרגעשטעלט זיין היים, וואו מען נייטיקט זיך אין דעם קוואָדער; זיין טאַטן, וואָס וועט אים שלאָגן, ווען ער וועט קומען אזוי, אָן אַ פּעני פאַר־דינסט; און ער האָט אינגאַנצן באַגריפן די שווידערלאַכקייט פון זיין לאַגע. ער איז געבליבן שטיין, ווי אַ צעטומלטער. ער האָט ניט געוואוסט, וואוהין צו לויפן. אהיים האָט ער יעדנפאַלס געשראָקן זיך צו קומען...

און דער רעגן האָט גענומען שמייסן שטאַרקער און שטאַרקער...

ז. ליבין.

# דער בלינדער

אין די וויגן ווייגען קינדער,
וויגן מאַמעס צו:
— ליולינקע, ליו ליו.
מיט אַ טאָרבע גייט אַ בלינדער,
שלעפּט זיך צו זיין רו.

קלאַפּט דער בלינדער אין אַ טויער,
איז דער טויער צו;
זיפצט דער בלינדער אין זיין טרויער:
גאָט, פאַרנעם כאָטש דו!

אוןביים טויער ליגט דער בלינדער,
דעקט די נאַכט אים צו.
ווייגען אין די וויגן קינדער,
וויגן מאַמעס צו:
ליולינקע, ליו ליו!

מאַני לייב.

# אַלבערטס פּסק

אַלבערט איז ניין יאָר אַלט. ער איז קליין-געוויקסיק, דאַר און בלאַס. אין סקול איז פאַר אים קיין אָרט ניט אויסגעקומען, איז ער פאַרבליבן אין הויז.

אַלבערטס טאַטע איז אַ קנאָפּ-לאָכמאַכער, אָבער ער וועט שוין זיין מלאכה אינגאַנצן פאַרגעסן ,וואָרים, שוין זייער, זייער לאַנג, אַז ער גייט אַרום ליידיק.

טאָג אין טאָג גייט ער אַרויס זוכן אַרבעט, ער שלעפּט זיך אַרום פון פרימאָרגן ביז נאַכט, אָבער — ניט פאַר אייך געדאַכט — קיין אַרבעט זעט זיך ניט. ער איז שוין שוואַרץ ווי אַ קויל, אים איז שוין דאָס לעבן ניט ניחא.

אַלבערטס מאַמע איז אַ פאַרדינערין: זי וואַשט וועש, זי קריגט עפּעס הייזלאַך אַרויסצופאַרטיקן, אָבער, — וואָס זאָל איך אַ סך רעדן? — עס קלעקט ניט אויף טרוקן ברויט.

אַלבערט האָט נאָך אַ קליין שוועסטערל, עמעלע. זי איז נאָך קיין יאָר ניט אַלט, און ווען איר ווילט זיך עסן, אָדער ווען איר איז קאַלט, מאַכט זי קולות אונטערן הימל. אַלבערט האָט זייער ליב זיין קליין שוועסטערל און ווען ער האָט נאָר אַ פרייע מינוט, שפּילט ער זיך מיט איר, קושט זי און וואַרעמט מיטן מויל אירע קליינע הענטלאַך, וואָס זיינען שטענדיק בלוי און קאַלט.

פאַרנאַכט פּעדלט אַלבערט מיט צייטונגען, און אינדער־פרי קריגט ער פאַר דער פאַמיליע קוילן און האָלץ. יעדן פרימאָרגן, זינט עס האָט זיך געשטעלט דער קאַלטער ווינ־טער, גייט אַלבערט אַרויס מיט אַ קערבעלע אין די הענט. ער גייט אַרום איבער די גאַסן, האַלט די אויגן צו דר׳ערד, און ווען ער געפינט אַ קויל, אָדער אַ שטיקל האָלץ, קלייבט ער עס אויף. אָפט, פרירט די קליינע עמעלע, וואַרטנדיק אויף אַלבערטס קערבעלע.

ווען אַלבערט טרעפט אָן אין גאַס אויף אַ וואָגן קוילן, וואָס מען האַלט אין אַראָפּשיטן, האַלט ער עס פאַר זיין מזל. ער וואַרט איבער ביז מען ענדיקט דאָס אַראָפּשיטן, דער־נאָך גייט ער צו מיט זיין קערבעלע, און דאָס־רוב קלייבט ער דאָ אויף עטלאַכע קוילן מיט אַמאָל.

אַלבערט קומט אַהיים אַ צעבראָכענער אויף ברעקלאַך, אָבער די מאַמע קושט אים אָן און הייצט איין אין שטוב. דעמאָלט זעצט זיך אַלבערט אַוועק מיט דער קליינער עמעלען ביים אויוון, און ער איז גליקלאַך.

די לעצטע נסיעה האָט אָבער אַלבערטן זייער און זייער נים אָפּגעגאָלטן.

דאָס איז געווען אַ קאַלטער, קאַלטער ווינטער־טאָג. די זון האָט אפילו געשיינט, אָבער דער פראָסט האָט זיך פון איר אויסגעלאַכט — ער האָט געקיניגט. ער האָט געביסן און געביסן אויף טויט.

די מאַמע וואָלט אפשר אַלבערטן אין אַזאַ פראָסט גאָר־נים אַרויסגעלאָזט קלייבן קוילן, אָבער די קליינע עמעלע

איז עפּעס געוואָרן קראַנק. זי האָט געשליקערצט און געצי־טערט ווי אַ בלאַט. האָט די אָרימע מאַמע אָנגעטאָן איר גוטן זונעלע אין אַ באַרג מיט שמאַטעס און אים אויסגע־ריכט מיט זיין קערבעלע.

אַלבערט איז ארוים אין דרויסן. די ביטערע קעלט האָט זיך דורכגעקליבן דורך די שמאַטעס, און האָט אים צערטלאַך אָרומגענומען, אַזוי, אַז עס האָבן אים גענומען ציטערן אַלע אברים. אָבער אים האָט דערפאַר אויך גענומען גליקן: ער האָט עטלאַכע מאָל נאָכאַנאַנד באַגעגנט וועגן, וואָס האָבן אַראָפּגעשאָטן קוילן און יעדעס מאָל האָט ער אויסגעמאַכט ניט שלעכט.

עס האָט אים גענומען שטעכן אין די פינגער פון די הענט און פון די פיס און ער האָט זיך שוין געלאָזט לויפן אַהיים, טראַגנדיק מיט זיך אַ „שיין ביסל" קוילן. אַך, ווי קאַלט ס'איז אים געווען! ער האָט געפילט, אַז ער ווערט פאַרפרוירן. אָבער אָט איז פאַר זיינע אויגן נאָך אַ וואָגן; די קוילן האָט מען שוין באַלד אַראָפּגעשאָטן און ער דאַרף לאַנג ניט וואַרטן.

אַלבערט האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט גענומען קלאַפּן אַ פוס אָן אַ פוס.

און אָט זיינען די קוילן שוין אַראָפּגעשאָטן. אַלבערט גייט צו מיטן קערבעלע און נעמט אויפקלייבן די שטיקלאַך איבערגעלאָזטע קוילן. פּלוצלונג קריגט ער אַ שטאַרקן שטויס מיט אַ פוס...

דאָס דערשראָקענע אינגל שפּרינגט אויף פאַרציטערט

לעבן אים שטייט אַ גרויסער, פֿאַרשוואַרצטער קוילנמאַן און שרייט.

אַלבערט האָט געוואָלט נעמען לויפֿן, אָבער דער קוילנמאַן כאַפּט אים אָן, רייסט אַרויס דאָס קערבעלע פֿון זיין האַנט, שיט ארויס די גאַנצע קוילן, פֿאַרשליידערט דאָס קערבעלע אויף אַ האַלבער גאַס ווייט.

ביים קינד פֿאַרקלעמט דאָס הארץ פֿאַר ווייטיק. די אויגן ווערן מיט טרערן פֿאַרלאָפֿן. ער הייבט אויף דאָס קערבעלע, גיט זיך פֿון ווייטן אַ קרים אויפֿן צערייצטן קוילנמאַן, און וויינענדיק שלעפּט ער זיך אַוועק אַהיים.

אוי, וועט דאָרט די קליינע עמעלע היינט פֿרירן!...

ז. ליבין.

# ייִדעשי פֿראָסט

אין אַ וואַטע שפּענצערל,
אין אַ וואַרעם קאַפּטער,
גייט אַרום אַ טענצערל,
מיט די פּיסלאַך קלאַפּט ער.

קלאַפּט ער אוים מיט די פּיסעלאַך
ניגעלאַך פֿון פֿריידן.
פּירט ער ווינטער, פּירט ער קעלט —
פּירט ער אום זיין זיידן.

און דער ווייסער זיידע פֿראָסט
בלאָזט אין זיין טרומייטער.
הינקענדיק אויף ביידע פֿיס,
היפּערט ער און גייט ער.

גייט ער איבער וואַלד און פֿעלד,
איבער גראָז און גרעזער.
שפּרייזט דאָס אייניקל מיט אים —
רויטלט אַלע נעזער.

אַלץ באַצייט זיך מיט אַ גלאָז —
גלאַנציק אויסגעבעטן —
ניט צו שטעלן מיט אַ פֿוס,
מיט אַ פֿוס צו טרעטן.

גייען מענטשעלאַך אין גאַס,
וואַנדלען אום און האַנדלען;
קויפן און פאַרקויפן זיך
ראַזשינקעס מיט מאַנדלען.

אַז מען האַנדלט איילט מען זיך:
האָט עס פיינט דער זיידע,
שטעלט ער אונטער זיינע פיס
הינקענדיקעביידע.

פאַלן מענטשעלאַך אויף גליטש,
קוילערן זיך איבער —
לאַכט דעריבער אַלטער פראָסט,
פרייט ער זיך דעריבער.

גייען זיי טאָג איין, טאָג אויס,
אייניקל מיט זיידע,
ביידע וואַרעם אָנגעפּעלצט
און געדרויטלט ביידע.

משה בראָדערזאָן.

# רייזעלע

אַז די אַכט-יאָריקע רייזעלע שטייט אויף אינדערפרי, רייבט זי אויס די פאַרשלאָפענע אייגעלאַך, קוקט זיך אום אין אַלע פיר ווינקעלאַך פון דעם קליינעם שטיבעלע און זוכט עפּעס.

זי זוכט די מאַמען. נאָר די מאַמע איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען אין מאַרק מיטן קויש עפּל, און רייזעלע זיפצט אָפּ:

— אַזוי גיך איז זי שוין אַוועקגעגאַנגען!

פויל טוט זי אָן דאָס אַלטע צעריסענע קליידעלע, וואַשט זיך און געפינט עפּעס אַ שמאַטע, ענלאַך צו אַ האַנטוך און ווישט זיך אָפּ.

דערמאָנט זי זיך, אַז די מאַמע האָט אַ גאַנצע נאַכט גע-הוסט, געפּאָכט מיט דער נשמה. זי האָט איר דערלאַנגט קאַלט וואַסער מיט אַ שטיקל צוקער, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. די מאַמע האָט אויף איר עפּעס אַזוי מאָדנע געקוקט. „רייזעלע", — האָט זי געזאָגט, — „דו האָסט אויף מיר רחמנות?" זי האָט ניט געענטפערט. זי האָט זיך נאָר פאַנאַנדערגעוויינט און איז אַוועקגעלאָפן אין אַ ווינקעלע, שטאַרקער אויסוויינען זיך. מער געדענקט זי ניט. זי ווייס נאָר, אַז איר האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט גע'חלום'ט.

— זי איז שוין געזונט, — טרייסט זיך רייזעלע, — אַזוי וואָלט זי דאָך אין מאַרק ניט געגאַנגען.

זי גייט צו צום טיש און געפינט דאָרט גרייט פאַר איר אָנבייסן — אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל מילך אין אַ צע־בראָכן גלאָז.

אַז זי עסט אָפּ דאָס אָנבייסן, ווערט איר אומעטיק. זי בעט גאָט, עס זאָל פינסטערלאַך ווערן, און די מאַמע זאָל שוין קומען.

זומער קען זי זיך נישט איינהאַלטן און לויפט אין מאַרק זען, וואָס מאַכט דאָרט די מאַמע, און כאָטש די מאַמע האַלט זיך שטענדיק אין קלאָגן, אַז זי האָט גאָרנישט געלייזט, פלעגט דאָך רייזעלע קלייבן נחת שטייענדיק נאָענט לעבן דער מאַ־מען. איר נחת פלעגט זי דייטלאַך אויסדריקן, ווען אַ קונה פלעגט אונטערקומען צום קאָשיק עפּל און געבן עפּעס צו לייזן. זי פלעגט פריילאַך אויסרופן:

— מאַמעלע, דו לייזט!

נאָר די מאַמע פלעגט דאָס רוב טרויעריק ענטפערן:

— אַז אָך און וויי מיין טאָכטער, צו דער לייזונג!

ווינטער אָבער פלעגט רייזעלע דעם פאַרגעניגן אויך ניט האָבן. קיין שיך האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט, און לויפן אין מאַרק אַ באָרוועסע איז קאַלט. די מאַמע זאָגט, מען קען זיך פאַרקילן און חלילה שטאַרבן. און שטאַרבן האָט זי געוואוסט, איז זייער אַ ביטערע זאַך. ווען איר טאַטע איז געשטאָרבן, גע־דענקט זי ניט, נאָר זי ווייס, אַז ער ליגט דאָרט ווייט הינטער דער שטאָט אויפן בית־עולם אין אַ טיף גרוב און קען פון דאָרט קיינמאָל נישט אַרויס, אפילו זומער אויך ניט... קיינ־מאָל ניט, דעריבער היט זי זיך, און זי זיצט ווינטער אַ גאַנצן

טאָג אין שטוב, און וואַרט ביז וואַנען עס ווערט פינסטער, ווען די מאַמע דאַרף קומען.

— שוין פינסטער — גייט זי צו אַלע ווײַלע צום פענס־טער, — באַלד, באַלד קומט זי.

נאָר עס קומט איר אויס נאָך פיל צו וואַרטן. אין דעם קליינעם שטיבעלע מיט די פּאַפּירענע קליינע שייבלאַך ווערט פינסטער, בשעת אויפן גאַס איז נאָך גוט ליכטיק, און עס ציט זיך רייזעלען אַזוי לאַנג די צייט.

— עס איז דאָך שוין פינסטער, פאַרוואָס קומט זי ניט ?

— זיפצט זי מיט אומגעדולד.

און אַז אין קליינעם שטיבעלע ווערט שוין די פינסטער־ניש געדיכט און רייזעלע קען שוין ניט זען, וואָס אַרום איר געפינט זיך, דאַמאָלס דערהערט זי אַ קלאַפּ אין טיר, איר קליין הערצעלע שפּרינגט שיר נישט אַרויס פאַר שמחה, און זי צע־זינגט זיך :

— די מאַמע גייט, די מאַמע גייט !

עס קומט צו גיין די מאַמע, אַ פאַרפרוירענע, שטעלט אַוועק דעם קאָשיק לעבן טיר, און רופט אויס :

— וואו ביסטו, רייזעלע ?

— אָט בין איך, מאַמע, דאָ לעבן בעט, — צינד אָן פייער !

די מוטער רייבט אָן אַ שוועבעלע, און צינדט אָן דאָס לעמפּעלע. אַ שוואַכער שיין באַלייכט דאָס שטיבעלע. נאָר פאַר רייזעלען איז גענוג — זי דאַרף נאָר דערזען די מאַמע ; און זי זעט זי פאַרן רויכיקן פייער גאַנץ גוט, און זי ווערט פריילאַך.

אברהם רייזען.

# דער פרעמדער

קאַלט און פינסטער איז די נאַכט,
טיר און טויער צוגעמאַכט;
פענסטער בלינדע, אָן אַ שיין
שטאַרן אין דער נאַכט אַריין.
קאַלט און פינסטער, קאַלט און שפּעט,
שלאָפט זיך יעדער אין זיין בעט.
שלאָפן, שלאָפט נאָר ניט דער ווינט,
און די בילנדיקע הינט.
און דער פרעמדער שלאָפט נאָך ניט, —
און מיט וואַקלענדיקע טריט,
און אין שמאַטעס שטיק אויף שטיק,
און פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק,
מיט אַ טאָרבע אויף די הענט,
שאַרט ער האַרט זיך ביי די ווענט.

זעט ער ווייט אַ פּאַלאַץ שטיין,
לאָזט ער זיך צום פּאַלאַץ גיין.
ביז עס קרייט דער ערשטער האָן,
קלאַפּט ער אין דעם פּאַלאַץ אָן:
סטוק, סטוק, סטוק! — ווער קלאַפּט אין טיר?
— גוטע מענטשן, עפנט מיר!
איך בין עלנד אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...

סמוק, סמוק . . . — פרעמדער, גיי אַוועק,
אונזער קליינעם קינד ניט וועק!
זאַט און וואַרים און ליו-ליו,
שלאָפט זיך אונזער קינד אין רו . . .
בייגט דער פרעמדער איין דעם קאָפּ,
קערט זיך פון דעם פּאַלאַץ אָפּ.

זעט ער ווייט אַ שטיבל שטיין,
לאָזט ער זיך צום שטיבל גיין.
ביז עס קרייט דער ערשטער האָן,
קלאַפּט ער אין דעם שטיבל אָן:
סמוק, סמוק, סמוק — ווער קלאַפּט אין טיר?
— גוטע מענטשן, עפנט מיר!
איך בין עלנד אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט . . .
און דער פרעמדער וואַרט ניט פיל,
עמיץ שאַרט זיך אין דער שטיל
ביי דער טיר און ביי דעם שלאָס.
קומט אַרויס דער באַלאַבאָס:
— פרעמדער, פרעמדער, קום אַריין,
וועסט מיין גוטער אורח זיין.
און דער פרעמדער בייגט זיך איין,
קריכט אין שטיבל קוים אריין.
קומט אַריין און אָטעמט שווער,
קוקט אַהין און קוקט אַהער,

און ער זאָגט אַרויסעט גלייך:
— נו, אַ פינסטערניש ביי אייך!
ענטפערט אים דער באַלאַבאָס:
— קויפן נאַפט ניטאָ פאַר וואָס.
— וו־וו־וואו, און איז ביי אייך דאָ קאַלט,
ממש ווי אין מיטן וואַלד.
ענטפערט אים דער באַלאַבאָס:
— קויפן האָלץ, ניטאָ פאַר וואָס.
— הייסט עס, ס'איז ניט פריילאַך דאָ,
און קיין ברויט איז אויך נישטאָ?
ענטפערט אים דער באַלאַבאָס:
— קויפן ברויט, ניטאָ פאַרוואָס.
אָך און וויי צו מיינע זינד,
אַז מיין הונגעריק קינד
האָט געוויינט פאַרשמאַכטערהייט:
„טאַטע, גיב אַ שטיקל ברויט!"
און אָן כחות ליגט עס שטיל,
איצטער אויפן הארטן דיל...

קראַצט דער פרעמדער זיך דעם קאָפּ,
לאָזט זיך אויפן דיל אַראָפּ,
שפּרייט זיין אַלטע טאָרבע אויס,
און ער זאָגט אַזוי אַרויס:
— אַז ס'איז פינסטער דאָ און קאַלט,
ממש ווי אין מיטן וואַלד,

אַז קיין ברויט איז אויך ניטאָ,
לייג איך מיך זיך אָט־אָ־דאָ...
איז ווי נאָר ער זאָגט אַזוי,
טוט דער ערשטער האָן אַ קריי.
ווי עס קרייט אַזוי דער האָן,
צינדט דער לאָמפּ אַליין זיך אָן,
און דער אויוון, גוט און פיין,
הייצט מיט האָלץ אליין זיך איין,
און עס ווערט אַליין דער טיש
פול מיט טעלער פלייש און פיש,
און מיט חלות און מיט ברויט,
ווי אויף יום־טוב צוגעגרייט.

און דער פרעמדער — אָט געווען,
אָט געווען און אָט געזען —
פלוצלונג טוט אַ זאָג, און לאַכט:
— באַלאַבאָס, אַ גוטע נאַכט!
און ער פליט, ווי ער איז גרויס,
דורך אַ שפּאַלט פון טיר אַרויס.
— אָ, אָ, נסים, אָדער וואָס?
טראַכט בײַ זיך דער באַלאַבאָס.
נאָר ער זעט: דער אויוון ברענט,
און דער לאָמפּ באַלייכט די ווענט,
און דער טיש אַ פולער שטייט,
מיט מאכלים צוגעגרייט.

טראַכט דער באַלאַבאָס ניט פיל,
הייבט ער אויף דאָס קינד פון דיל,
וואַשן זיי זיך, עסן פרום,
זעצן זיך ביים טיש אַרום,
עסן זיי און לויבן גאָט
פאַר זיין חסד און גענאָד.

און אין דרויסן פייפט דער ווינט,
און אין פּאַלאַץ וויינט דאָס קינד.
לויפט מען איבער פּאַלאַץ אום,
און מען זוכט אַ לאָמפּ ארום.
זוכט מען דאָרט און זוכט מען דאָ,
און קיין לאָמפּ איז אַלץ נישטאָ.
און אַלץ שטאַרקער וויינט דאָס קינד,
און אין דרויסן פייפט דער ווינט,
און עס בילן בייז די הינט.
נאָר דעם פרעמדן אַרט עס ניט,
און מיט וואַקלענדיקע טריט,
מיט דער טאָרבע אויף די הענט,
שאַרט ער האַרט זיך ביי די ווענט.
שאַרט ער זיך אַזוי אַוועק —
אין דער נאַכט, אין וויטן וועג.

מאני לייב.

# ווען דער פּאַפּאַ סטרייקט

עס איז אַ ווינטער-נאַכט.

דרויסן איז אַ ברענענדיקער פראָסט און אַ שניידנדיקער, קאַלטער ווינט. דרויסן איז סיביר, — און אין צימער? אין צימער איז ניו יאָרק.

און עס איז קאַלט, ווי אויף דרויסן, ווייל אין צימער וואוינט אַן אַרבעטער, אַ אידישער הויזן-מאַכער; און פון יעדן ווינקעלע קוקט אַרוים די ביטערע, שטיקנדיקע נויט, ווייל דער הויזן-מאַכער איז אין סטרייק.

דער סטרייקער איז ניטאָ אינדערהיים: ער איז אויף אַ מיטינג. די פרוי זיינע זיצט ביים אויוון און נייט עפּעס מיטן נאָדל — דאָס פאַריכט זי אוים וועש פאַר שכנים, העלפנדיק דערמיט דעם מאַן אין זיין סטרייק.

דאָס פייער אין אויוון גייט אוים. אַפּנים, אַז דעם סטרייקערס פרוי האָט שוין דערשפירט די קעלט; אַט האָט זי געעפנט אַ דעקל און אַריינגעקוקט אין אויוון. האָט זי אַ שווערן, טיפן זיפץ געגעבן, געוואָרפן אַ טרויעריקן בליק אויף דעם לערן קוילן-שעפל, און איז ווייטער געבליבן פאַרטראַכט און שווער פאַרזאָרגט.

און עס איז שטיל אין צימער. בלויז דער ווינט קלאַפּט אין די פאַרפרוירענע שויבן, און אַמאָל אין אַווילע רייסט ער

זיך אַריין אין קוימען פון קאַמין און וויינט אַזוי האַרצרייסנ־דיק, אַזוי טרויעריק, עפּעס ווי ער וואָלט אויך געהאַט אַ בי־טער האַרץ פון אַ הויזן־מאַכער, אַ סטרייקער...

— מאַמע, — האָט זיך דערהערט אַ קינדיש שטימעלע פון שלאָפצימער; און די מאַמע וואַרפט די אַרבעט און לויפט אַהין. דאָרט שלאָפט איר צירעלע, איר איינציק דריי־יאָריק קינד.

צירעלע איז געווען באַהאַלטן אין אַ גאַנצן ים מיט שמאַ־טעס; האָט זי דאָס אַלץ אַראָפּגעוואָרפן און וויל אַרויסגיין פון בעט.

— וואוהין, מיין קינד? — פרעגט די מוטער און פרואווט צוריק איינדעקן דאָס מיידעלע.

— מאַמע, נעם מיך צום אויוון, מיר איז קאַלט, — בעט זיך צירעלע.

— עס איז דאָרטן אויך קאַלט, צירעלע.

— שיט אַריין קוילן, — גיט דאָס קינד אַן עצה.

— ניטאָ, מיין נחת, קיין קוילן, — זיפצט דעם סטריי־קערס פרוי.

— פאַראַן.

— ניטאָ, מיין לעבן, אָט וועל איך דיר ווייזן דאָס שעפל.

און די מוטער גייט אין קיך, נעמט דאָס לערע קוילן־שעפל און ווייזט עס צירעלען.

צירעלע קוקט אַריין אין שעפל, און גיט דערביי אַ טיפן, קינדישן זיפץ.

— ניטאָ מער קיין קוילן, — זאָגט צירעלע, און איר קינ־דיש פּנים׳ל ווערט אַזוי ערנסט טרויעריק.

— ניטאָ מער, — באַשטעטיקט די מוטער.

— גיי ברענג, — ראָט דאָס קינד.

— ניטאָ קיין געלט, מיין האַרץ.

— ניטאָ קיין פּענים? — פרעגט דאָס קינד איבער.

— יע, מיין נשמה, ניטאָ קיין פּענים.

— דער טאַטע ברענגט ניט?

— יע, צירעניו, דער טאַטע ברענגט ניט.

— פאַרוואָס?

— ווייל עס איז אַ סטרייק, מיין טאָכטער.

צירעלע קוקט אויף דער מוטער אַזוי בענקענדיק, אַזוי טרויעריק, הגם דאָס לעטצע, וואָס די מוטער האָט איר גע־זאָגט פאַרשטייט זי ניט.

— שלאָף, צירעניו.

— איך וויל עסן, מאַמע.

— גלייך, מיין קינד.

און די מאַמע גייט אין קיך, שניידט אָפּ אַ שטיקל ברויט, זוכט עפּעס אין אַלמער, געפינט גאָרניט, און, געבנדיק ווייטער אַ שטילן, טיפן זיפץ, קערט זי זיך אום צוריק אין שלאָפצימער צו איר הונגעריק קינד.

— נאָ, מיין קינד.

— וואָס איז דאָס?

— ברויטעלע.

— איך וויל ניט, מאַמע.

— פאַרוואָס, צירעניו ?

—באַשמיר מיט פוטער.

— ניטאָ, מיין נחת, מאָרגן וועל איך באַשמירן; דער־ווײילע עס אַזוי.

— איך וויל ניט.

— גיב פוטער, — ווידערהאָלט דאָס קינד איר ערשטע פאָדערונג.

— קינד מיינס, וואָס וואָלט איך דיר ניט וועלן געבן, אַז עס וואָלט געווען, נאַרעלע מיינס ? — רעדט די מוטער איין איר קינד.

צירעלע וויל אָבער ניט גלייבן, און ווייזט אויפן אַלמער.

די מוטער ברענגט די לערע פוטער־כלי צום בעט. צירע־לע קוקט אויף איר מיט בענקענדיקע בליקן, און לאָזט אַרויס אַ שטילן, האַרצרייסנדיקן זיפץ.

— ניטאָ מער קיין פוטער, מאַמע ? — זאָגט דאָס קינד טרויעריק און פירט פאַנאַנדער די הענטעלאַך.

— ניטאָ מער, מיין לעבן, — ענטפערט די מאַמע מיט אַ קול פון טרערן.

— ניטאָ קיין פענים, דערקלערט די יונגע צירעלע.

— יע, מיין טאָכטער, ניטאָ קיין פענים.

— דער פאַפאַ ברענגט ניט ?

— ניין, מיין נשמה, ער ברענגט ניט.

— פאַרוואָס, מאַמע ?

— איך זאָג דאָך דיר, מיין אויג אין קאָפּ, ער סטרייקט.

אַ ווײַלע שווײַגט דאָס קינד, דערנאָך גיט עס פּלוצלונג אַ פרעג:

— וואָס איז דאָס, מאַמע?

— וואָס, מײַן קינד?

— פאַרוואָס דער פּאַפּאַ ברענגט ניט קײן פּענים?

— ער סטרײַקט, מײַן קינד.

— ווער איז דאָס? — פרעגט צירעלע ווײַטער.

— קײנער ניט, מײַן קינד, דאָס איז אַ סטרײַק.

— וואָס איז דאָס, מאַמע?

— אַ סטרײַק, מײַן נשמה.

— אַ בוגימען?

— נײן, מײַן קינד, קענסט עס ניט פאַרשטײן... וועסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטײן.

דער ווינט שטאַרקט זיך, און הײבט אָן אַזוי ווי מיט אַכזריות צו קלאַפּן אין די שויבן. עס ציטערט דאָס גאַנצע הויז. צירעלע דריקט זיך צו צו דער מאַמען און ציטערט פאַר שרעק.

— איז דאָס דער סטרײַק, מאַמע?

— נאַריש קינד, דאָס איז דאָך דער ווינט.

צירעלע הערט זיך אײַן, טוליעט זיך צו דער מאַמען און נעמט אָן חשק עסן דאָס שטיקל טרוקענע ברויט...

פון דער מאַמעס אויגן קאַפּען אַרונטער טרערן אויפן קינדס קעפּעלע, און פון קינדס אויגן קאַפּען אַרונטער טרערן און פאַרנעצן דאָס טרוקענע שטיקל ברויט...

ז. ליבין.

## מיין אינגעלע

איך האָב אַ קליינעם אינגעלע,
אַ זונעלע — גאָר פיין!
ווען איך דערזע אים, דאַכט זיך מיר
די גאַנצע וועלט איז מיין.

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מיין שיינעם, ווען ער וואַכט;
איך טרעף אים תמיד שלאָפנדיק,
איך זע אים נאָר בײַנאַכט.

די אַרבעט טרייבט מיך פרי ארויס,
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב,
אָ, פרעמד מיין קינדס אַ בליק!

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים,
אין פינסטערניש געהילט;
מיין בלייכע פרוי דערציילט מיר באַלד
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט.

ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט:
„אָ, מאַמאַ, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר
מיין גוטער, גוטער פּאַ?"

איך שטיי ביי זיין געלעגערל
און זע און הער און — שאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלאַך:
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך קוש די בלויע אייגעלאַך.
זיי עפנען זיך: „אָ, קינד!"
זיי זעען מיך, זיי זעען מיך
און שליסן זיך געשווינט.

„דאָ שטייט דיין פּאַפּאַ, טייערער,
אַ פּענעלע דיר נאַ!"
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלאַך:
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך בלייב צעווייטיקט און צעקלעמט,
פאַרביטערט און איך קלער:
ווען דו וואַכסט אויף אַמאָל, מיין קינד,
געפינסטו מיך ניט מער.

מאָרים ראָזענפעלד.

# צוויי פרעסט



פ אַ צ י ר ן  זיך איבערן פעלד צוויי פרעסט, צוויי לייבלאַכע ברידער, קלאַפן אַ פוס אָן אַ פוס, רייבן אַ האַנט אָן אַ האַנט.

רופט זיך אָפּ איין פראָסט צום אַנדערן:

— ברודער פראָסט, רויטער-נאָז, לאָמיר זיך אַביסל פריילאַך מאַכן, גוט דורכפרירן די מענטשן!

ענטפערט דער צווייטער:

— ברודער פראָסט, בלויער-נאָז, אויב מיר ווילן די מענטשן דורכפרירן, דאַרפן מיר פריער פון פעלד אַרויס. דאָ זיינען אַלע שטעגן פאַרוויט, אַלע וועגן פאַרשנייט, מע קען ניט דורכגיין, ניט דורכפאָרן. לאָמיר בעסער אַ לויף טאָן אין געדיכטן וואַלד אַריין. דאָרטן איז אפילו ניט אַזוי פריי, אָבער מיר וועלן געוויס עמיצן אָנטרעפן אויפן וועג און האָבן מער פאַרגעניגן ווי דאָ.

גערעדט און געטאָן.

און ס'האָבן זיך אַוועקגעלאָזט ביידע פרעסט, ביידע לייבלאַכע ברידער, אין געדיכטן וואַלד אַריין. זיי לויפן, כאַפן אויפן וועג אַ שטיף, אַ שפרונג פון איין פוס אויפן צווייטן, טוען אַ שנעל איבער די סאָסנעס און יאָדלעס.

דער אַלטער יאָדלע-וואַלד קנאַקט, דער סאָסנע-וואַלד סקריפעט.

לויפֿן זיי אַדורך איבערן ווייסן שניי — שפּרייט זיך אויף אים אַן אייז־קאָרע אויס; קוקט ערגעץ פֿון אונטערן שניי אַ גרעזעלע אַרויס — גיבן זיי אַ בלאָז אַזוי, אַז ס'ווערט באַלד מיט פּאַטשערקעס באַצויגן.

פּלוצלונג דערהערן זיי פֿון איין זייט — אַ גלאָק, פֿון אַנדערן — אַ גלעקעלע; מיטן גלאָק פֿאָרט אַ פּריץ, מיטן גלעקעלע — אַ פּויער.

האָבן די פֿרעסט גענומען זיך אַן עצה האַלטן און זיך מישב זיין, ווער וועמען זאָל פֿרירן. דער פֿראָסט, בלויער־נאָז, וואָס איז געווען דער אינגערער, זאָגט: „איך רעכן, אַז איך וועל זיך בעסער אַ יאָג טאָן נאָכן פּויער, איך וועל אים גיכער דורכנעמען; זיין פּעלצל איז אַן אַלטער, אַ פֿאַרלאַטעטער; דאָס היטל — דורך און דורך אין לעכער די לאַפּצעס אויף די פֿיס — אַלטע און צעריסענע. דו ברודערל, ביסט דאָך שטאַרקער פֿון מיר, לויף דו נאָכן פּריץ. זעסט, ס'אַראַ טייערן בערן־פּעלץ ער טראָגט? זיין הוט איז אַ פֿיקסענע, די שטיוול — פֿון וואַלפֿנפּעל. ניט פֿאַר מיינע כוחות אים ביי־צוקומען!

דער פֿראָסט רויטער־נאָז ענטפֿערט גאָרניט. ער שמייכלט נאָר אין בערדל אַריין.

— אַי, ברודערל, דו ביסט נאָך יונג! — זאָגט ער. — נאָר זאָל זיין, ווי דו ווילסט: לויף דו נאָכן פּויער, און איך וועל זיך אַ יאָג טאָן נאָכן פּריץ. פֿאַרנאַכט וועלן מיר זיך ווידער טרעפֿן, וועלן מיר שוין דערגיין, וועמען איז די אַר־

בעט שווערער צוגעגאַנגען. דערווייל זיי געזונט.

— זיי געזונט, ברודער!

ב.

אַ פייף, אַ קנאַק, אוןביידע לויפן אַוועק.

אַז די זון איז פאַרגאַנגען, האָבן זיי זיך ווידער צוזאַמענגעטראָפן אין פרייען פעלד און גענומען נאָכפרעגן איינער ביים אַנדערן:

— נו, וואָס הערט זיך, דו האָסט מסתמא געהאַט גענוג מאַטערניש מיטן פריץ, — זאָגט דער אינגערער, — און אַרויסגעקומען איז געווים דערפון גאָרנישט. און ס'איז קיין וואונדער ניט, אַ שווער שטיקל אַרבעט אים דורכצונעמען...

דער עלטערער שמייכלט זיך רואיק.

— אַך, ברודער פראָסט, בלויער־נאָז, דו ביסט נאָך יונג, און, זאָלסט מיר מוחל זיין, נאָך גאָר אַ גרויסער נאַר; איך האָב אים אַזוי מכבד געווען, אַז ער וועט זיך אַזוי גיך ניט דערוואַרימען.

— וואָס הייסט? און זיין פוטער, און דאָס היטל, און די שטיוול?

— דאָס האָט ניט געהאָלפן. איך בין פאַרקראָכן צו אים אין היטל, אין פוטער, אין די שטיוול און האָב אים גענומען סמאַליען!... ער דרייט זיך, קאָרטשעט זיך טוליענדיק זיך אין פוטער און טראַכט זיך: „איכ'ל אָקאָרשט מיט קיין גליד ניט אַ ריר טאָן, אפשר וועט מיך דער פראָסט ניט בייקומען“.
אָבער ס'הייבט זיך גאָרניט אָן! אָט דאָס האָב איך טאַקע

געמיינט. איך האָב זיך צו אים אַזוי אַ נעם געטאָן, אַז ער איז אין שטאָט קוים אַ לעבעדיקער אַרויס פון שליטן... נו, און דו, וואָס האָסטו עפּעס אויפגעטאָן מיט דיין פויערל?

— אָך, ברודער פראָסט, רויטער-נאָז! דו האָסט מיר גוט אָפּגעטאָן, וואָס דו האָסט מיר ניט געגעבן צו פאַרשטיין, מיט וועמען איך וועל האָבן צו טאָן. איך האָב געמיינט, איך וועל אים, דעם פויערל, פאַרפרירן און צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז ער האָט מיר גאָר אָנגעבראָכן די ביינער.

— ווי אַזוי קומט דאָס?

— אָט אַזוי! ער איז געפאָרן, ווי דו האָסט מסתמא באַמערקט, נאָך האָלץ; אויפן וועג האָב איך אים אָנגעהויבן דורכצונעמען. אָבער ער שרעקט זיך ניט אָפּ; פאַרקערט, ער זידלט זיך נאָך: „אַ. דו פראָסט, אַזוינער און אַזוינער!"...

— דאָס האָט מיך גאָר פאַרדראָסן, און איך האָב אים גענומען נאָך מער קנייפּן און שטעכן. אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט מיין פאַרגעניגן. ער איז געקומען אויף אַן אָרט, איז אַרויסגעקראָכן פון שליטן און האָט זיך גענומען פאַר דער האַק. איך טראַכט זיך בשעת מעשה: „איצט איז די רעכטע צייט אים דורכצופרירן!" בין איך פאַרקראָכן צו אים אונטערן פעלצל און אָנגעהויבן אים צו בייסן; אָבער ער, ס'זאָל אים דאָס אָרן אַ האָר! ער פאָכעט מיט דער האַק אַזוי, אַז שפּענדלאָך פליען אין אַלע זייטן. אַ שוויים האָט פון אים אַרויסגעשלאָגן. איך פיל עס איז שלעכט, איך וועל ביי אים אונטערן פעלצל נישט אויסהאַלטן; צום סוף האָט פון אים אַזש גענומען שלאָגן אַ פּאַרע. איך האָב געזען, וואָס גיכער

זיך אָפּצוטראָגן. איך שטיי און קלער, וואָס זאָל איך דאָ טאָן ? און דער פויער אַרבעט און אַרבעט, ס'איז אים גאָר היים געוואָרן. איך טו אַ קוק — ער וואַרפט גאָר מיטאַמאָל אַראָפּ פון זיך דאָס פּעלצל. דאָ האָב איך זיך דערפרייט : „וואַרט, וואַרט ! — טראַכט איך זיך — איך וועל דיר שוין ווייזן ווער איך בין !" דאָס פּעלצל איז אינגאַנצן נאָס ; נו, בין איך אין אים אַריינגעקראָכן, פּאַרקליבן זיך אין אַלע זיינע שפּעלטעלאַך און האָב אים אַזוי דורכגעפּראָרן, אַז ער איז געוואָרן ממש, ווי אַ קאָרב. נו, פּרוב אָקאָרשט זיך איצטער אָנטאָן !

דער פויער האָט געענדיקט זיין אַרבעט און גענומען גיין צו זיין פּעלצל. מיין האַרץ צאַפּלט זיך פאַר שמחה : איצט וועל איך דאָס אַביסל קלייבן נחת !

דער פויער דערזעט דאָס פּעלצל, הייבט ער דאָס מיך אָן צו זידלען ! „זידל זיך, זידל זיך — קלער איך, — אָבער פּטור ווערן פון מיר וועסטו פאַרט ניט !"

אָבער ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ לאַנגען סענקעוואַטן שטעקן און האָט דאָס אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס פּעלצל ! ער קלאַפּט דאָס פּעלצל און הערט ניט אויף מיך צו זידלען. איך וויל שוין וואָס גיכער אַנטלויפן, האָב איך מיך אָבער אַזוי פאַרפּלאָנטערט אינם וואָל פונם פּעלצל, אַז איך קען פון דאָרטן ניט אַרויסקריכן ! און ער האַקט כסדר. קוים מיטן לעבן בין איך אַרויס פון זיינע הענט. איך האָב געמיינט, ס'איז שוין אַ סוף צו מיינע יאָרן. מיינע ביינער טוען מיר נאָך איצטער ווי..."

מ. חיימסאָן.

## די נויט

אין ברוקלין אין אַ שטיבל,
אָן ווענט און אָן אַ דאַך,
האָט זיך געוואוינט אַן אָרימאַן
מיט קינדערלאַך אַ סך.

און דאָרט באַ זיי אין שטיבל
איז ניט געווען קיין ברויט,
ווייל דאָרט, אין שטיבל, האָט מיט זיי
געוואוינט די בייזע, גרויע נויט.

דער אָרימאַן פלעגט אויפשטיין
אַז שלאָפן פלעגט די וועלט,
און גיין צופוס ביז אין ניו־יאָרק
פאַרדינען עפּעס געלט.

און אַז די זון פלעגט אויפגיין
און ביז די זון פאַרגייט —
די קינדער פלעגן ווײנען שטאַרק:
— אוי, מאַמע, מאַמע, ברויט!

די מאַמע פלעגט דאָס זען
און ווײנען שטילערהייט
און טרייסטן אירע קינדערלאַך:
— וואָס דאַרפט איר, קינדער, ברויט?

איר ווייסט דאָך, אַז דער טאַטע
איז אין ניו־יאָרק אַוועק.
ער וועט אייך ברענגען פון ניו־יאָרק
צוויי גרויסע, פולע זעק, —

צוויי פולע זעק מיט חלות,
מיט עפּל און מיט ניס,
מיט קיכעלאַך און שאָקאָלאַד
און טאָרט, ווי האָניק זיס.

די קינדער פלעגן הערן,
זיי האָבן זיך געפרייט,
און פלעגן שוין דעם גאַנצן טאָג
ניט בעטן מער קיין ברויט.

און שטילינקע און גוטע,
געוואַרט ביז שפּעט ביינאַכט,
און זען צי דער טאַטע האָט
צוויי זעק אַהיים געבראַכט!

דער אָרימאַן פלעגט קומען
באַנאַכט, פאַרזאָרגט און מיד,
און זאָגן צו די קינדערלאַך:
— היינט האָב איך גאָרנישט ניט.

די קינדער נעמען וויינען:
— אוי, ברויט, אַ שטיקל ברויט!
דער טאַטע שווייגט, די מאַמע זיפצט
און ווינטשט אויף זיך דעם טויט.

די גרויע נויט ביים אויוון —
זי זיצט זיך אויף איר שטיין,
און זעט אַלץ, און פרייט זיך אַלץ,
און שאַרפט זיך אַלץ די ציין.

נאָר איינמאָל האָט געטראָפן,
געשלאָפן איז די וועלט;
דער אָרימאַן גייט אין ניו־יאָרק
פאַרדינען עפּעס געלט.

אָט ערשט איז ער פון שטיבל
צופוס אַזוי אַוועק, —
און פלוצלונג קומט ער באַלד צוריק
און טראָגט צוויי פולע זעק.

צוויי פולע זעק מיט חלות,
מיט עפּל און מיט ניס,
מיט קיכעלאַך און שאָקאָלאַד
און טאָרט ווי האָניק, זיס.

און נעמט די קינדער וועקן, —
ער וועקט זיי און ער לאַכט:
— שטייט אויף, איר ליבע קינדערלאַך,
זעט וואָס איך האָב געבראַכט!

נו, האָט מען דאָס אין שטיבל
אַביסל זיך געפרייט! —
נאָר ניט געפרייט האָט זיך מיט זיי
די בייזע, גרויע נויט.

פון שרעק איז זי געוואָרן
אַ קליינע, קליינע גריל,
און איז פאַרקראָכן אונטער דיל
און האָט צעוויינט זיך שטיל.

מאני לייב.



# אָמאַ

## א.

געשען איז דאָס אין ברוקלין.

עס איז געווען נאַכט. אין אַ וואַרי־מען ליכטיקן צימער זיינען געזעסן די קינדער. ווילי, אַ אינגעלע פון אַ יאָר אַכט, האָט געבויט אַ הייזעלע פון אַל־טע קאָרטן. העלען, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף, האָט זיך געשפּילט מיט איר ליאַלקע — אַ שיינע קוקלע מיט בלאָנדע, אַביסל שוין שמוציקע האָר, און מיט גרויסע בלויע אויגן. גערופן האָט מען זי: פּרינצעסע. זי, די פּרינצעסע, איז געווען איינגעוויקלט אין אַ שיינער קאָלדרע, געמאַכט פון שיינעם קאָלירטן זייד. העלען האָט איר גאַנץ ערנסט געראָטן צו גיין שלאָפן, וואָרים ס'איז שוין געווען אַכט אַ זייגער. דער עלטערער ברודער, דייווי, איז געזעסן און האָט געלייענט אַ בוך. די מאַמע האָט עפּעס גענייט.

פּלוצלונג האָט עמיצער אַ קלאַפּ געגעבן מיט דער דרוי־סנדיקער טיר, און אַלע האָבן דערהערט, ווי עני, אַ מיידעלע פון אַ יאָר זיבן, שרייט מיט גרויס שמחה: „מאַמע, זע, וואָס איך האָב געבראַכט! זע, מאַמע טייערע!"

אַלע קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע פּלעצער און אין שטוב איז אַריינגעלאָפן עני מיט פאַרפלאַמטע בעק־לאַך. אין די הענט האָט זי געהאַלטן אַ קליין שוואַרץ הינטעלע מיט גלאַטע האָר, ווי סאַמעט, און מיט אַ פּאָר שיינע, קלוגע

אויגן. ווילי האָט געגעבן אַ שפּרונג און האָט איבערגעקערט זיין קאַרטן־הויז. העלען האָט שוין פאַרגעסן איר געליבטע פּרינצעסע און האָט געטאַנצט לעבן הינטעלע מיט פרייד.

די מאַמע האָט אָבער געמאַכט אַ בייז פּנים און געהייסן באַלד דאָס הינטל אַוועקטראָגן צוריק. עס איז דאָ גענוג צו ראַמען און צו אַרבעטן, אָן אַ הינטל אין שטוב.

עני האָט אָנגעהויבן בעטן, העלען האָט זיך צעוויינט, ווילי האָט צוגעזאָגט אַליין אַכטונג געבן אויפן נייעם פריינד, און די גוטע מאַמע האָט ענדלאַך ניט געקאָנט אַנטזאָגן — דאָס הינטעלע איז געבליבן אין שטוב.

שפּעטער ווי אַלע מאָל, זיינען אין דער נאַכט די קינדער געגאַנגען שלאָפן. מען האָט דעם גאַסט געקעמט, געוואַשן, געגעבן מילך, געגעבן צוקער, געשפּילט זיך מיט אים, געטראָגן אים אויף די הענט, געקושט, געקוואָלן פון זיינע חכמות, און געקריגט זיך איבער אים.

ענדלאַך האָט מען אים אָנגעהויבן צוקלייבן אַ נאָמען. העלען האָט פאָרגעלייגט: „פּרינץ“. דער קליינער מיזהם איז געלעגן אויף דער זיידענער קאָלדרע, לעבן דער פּרינצעסע. ווילי האָט געזאָגט: „קוראַפּאָטקין!“ דער גאַסט האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. עני האָט אַ געשריי געטאָן: „אָיאַמאַ!“ דאָ האָט זיך דער שטיפער אַ כאַפּ געטאָן פון אָרט, געגעבן אַ שלעפּ מיט זיינע קליינע ציינדלאַך דעם זיידענעם צודעק און האָט אָנגעהויבן מאַכן קונצן. העלען האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק. ווילי האָט געטופּעט מיט די פיס פאַר פרייד,

און ענׂי האָט געפּאַטשט: „בראַוואָ!" און אַלע האָבן געשריען: אָיאַמאַ! אָיאַמאַ! אָיאַמאַ!

דער זייגער שלאָגט ניין, אָיאַמאָ שלאָפט ווי אַ פּרינץ אויף דער זיידענער קאָלדרע. די פּרינצעסן קוקט אויף אים מיט אירע צוויי קאַלטע גלעזערנע אויגן. און די קינדער זאָגן שטיל: „אַ גוטע נאַכט, אָיאַמאַ, אַ גוטע נאַכט!"

ב.

עס איז אַוועק דריי וואָכן.

אָיאַמאַ לעבט אין נחת און אין פרייד. עס איז אים וואַרים און גוט. ער עסט פון דעם בעסטן און טרינקט פון דעם שענסטן. ער איז געוואָרן פעט און קיילאַכדיק. ער האָט נישט קיין זאָרג און איז אַ גוטער ברודער מיט אַלע קינדער, ער איז זייער ליבלינג.

נאָר די מאַמע איז מיט אָיאַמאַן נישט צופרידן. ער פּלאָנטערט זיך איר אונטער די פיס, כאַפּט זיך אָן מיט די ציין און שלעפּט זיך נאָך, ווען עס ליגט גאָרנישט אין זינען מיט אים צו שטיפן. ער שלעפּט דאָס טישטוך אַראָפּ פון טיש און ברעכט גלעזער און שאָלן.

איינמאָל, באַנייכט, זאָגט די מאַמע צום עלטסטן זון: „דייווי, נעם די קאַר און פאַרפיר אָיאַמאַן אַזוי ווייט, אַז ער זאָל נישט קענען קומען צוריק."

ענׂי בעט, ווילי טענ'עט, העלען וויינט — עס העלפט נישט קיין זאַך. דייווי טוט אָן זיין אויבעראָק, וויקלט איין אָיאַמאַן אין אַ שוואַרצן טיכל און גייט... אָיאַמאַ פילט קיין

זאַך נישט, פריילאַך און זאָרגלאָז, שפּילט ער זיך מיט זיין אַלטן באַקאַנטן דייווי.

די קינדער זעען, אַז די מאַמע האַלט זיך ביי איר וואָרט, און אַז די שטונדע פון צעשיידן זיך איז געקומען, זיצן זיי שטיל און טרויעריק און באַטראַכטן זייער געליבטן אָיאַמאַן צום לעצטן מאָל. ווען, אָבער, דייווי גייט אַרויס, און די טיר גיט אַ קלאַפּ נאָך אים, צעוויינט זיך עני אויפן קול, ווילי מאַכט אַ בייז פּנים, און העלען דריקט צו זיך די פּרינעצסע, און פון איר אויג פאַלט אַראָפּ אַ גרויסע, קלאָרע טרער.

ג.

„איסטערן פּאַרקוויי" האָט זיך גערופן די גאַס אויף וועל־כער דייווי האָט אַרויסגעוואָרפן אָיאַמאַן און איז אַנטלאָפן. עס איז אַ ברייטע גאַס מיט גרויסעביימער פוןביידע זייטן און אין מיטן שטייט אויף אַ הויכן פונדאַמענט אַ מאָנומענט פון גענעראַל סלאָקום, — אַ באַגולדעטער גענעראַל אויף אַ באַגולט פערד.

עס איז געווען אַ פינסטערע קאַלטע נאַכט. אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן, און שווערע שוואַרצע וואָלקנס האָבן באַדעקט די הימלען. אָיאַמאַ איז געבליבן אַליין... אַ דער־שראָקענער, אַ דערפראָרענער איז ער געלאָפן אין אַלע זייטן. ר'האָט אָנגעשמעקט דייווויס טריט, און האָט זיך געלאָזן לויפן. ווען ער האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז אַלע זיינע האָפע־נונגען זיינען אומזיסטע, האָט ער אָנגעהויבן וויינען ווי אַ קליין קינד. נאָכדעם האָט ער באַשלאָסן זיך זוכן נייע פריינד,

און ווער עס פלעגט פאַרבייגיין, פלעגט ער נאָכלויפן, וויינען און בעטן. אָבער ער האָט עטלאַכע מאָל געקראָגן אַ בריק מיטן פוס.

לאַנג האָט איאַמאַ אומגעוואַנדערט אין דער פינסטער. ענדלאַך, אַ פאַרפרוירענער, אַ הונגעריקער, אַ דערשראָקענער איז ער צוגעקראָכן צו די טרעפּ, אויף וועלכע עס איז געשטאַנען דער באַגולדעטער גענעראַל מיטן פערד, האָט אַנידערגעלייגט זיין קעפּל אויפן האַרטן שטיין און האָט צוגעמאַכט זיינע אויגן. זיין יונג קערפּערל האָט יעדע ווײַלע געגעבן אַ ציטער און זיינע אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן.

שפּעט ביינאַכט איז אַ שיכורער טרעמפּ געגאַנגען מיט איסטערן פאַרקוויי צו פּראָספּעקט פּאַרק, וואו ער האָט געהאַפט צו געפינען פאַר זיך אַ ליידיקע באַנק צום שלאָפן. זיינע קליידער זיינען געווען אַלט און צעריסן, זיינע שטיוול אויסגעטראָטן, און ער האָט געציטערט פאַר קעלט.

לעבן גענעראַלס מאָנומענט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך אָנגעבויגן און באַמערקט דעם עלנדן איאַמאַ. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אים, האָט אים צוגעדריקט צו זיך, און איז געבליבן שטיל אויף די טרעפּ פון דעם מאָנומענט.

די ביימער האָבן גערוישט. דער שטאַרקער ווינט האָט דורכגעריסן די וואָלקנס, און די לבנה האָט באַלויכטן די ביידע היימלאָזע אַרויסגעוואָרפענע טרעמפּס, וואָס זיינען געשלאָפן אונטער דעם באַגולטן מאָנומענט מיט אַ שווערן אומרואיקן שלאָף...

י. גאַרדין.

# א וויג-ליד

ס'האָט דאָס ווינטל זיך געשטילט,
אָונט האָט די ערד פאַרהילט;
שטערנדלאַך מיט זייער שיין
ווינקען דיר: שלאָף-איין, שלאָף-איין!

פאַר דיין גורל שרעק זיך ניט —
איך, דיין מאַמע, היט דיך, היט.
איך, דיין מאַמע, זינג דיר צו:
אַליע-ליוליע, ליוליע ליו!

ווער עס וויים פון נויט און פיין,
דאַרף די נאַכט אַ רו אים זיין.
אַלץ וואָס אָטעמט אויף דער ערד,
שלאָפט שוין זיס און אומגעשטערט;

ס'דרימלען פייגל, בלום און ווינט —
רו, און שלאָף דו אויך, מיין קינד.
איך וועל אָפּהיטן דיין רו:
אַליע-ליוליע, ליוליע-ליו!

אברהם כהן.

## דזשימי

א יונגע, פרישע פרימאָרגנדיקע זון האָט זיך דורכגעריסן דורך דעם פאַר־שטויבטן קעלער־פענסטער און האָט זיך פריילאַך צעלאַכט גלייך דזשימין אין פּנים אַריין. זיין טונקל־ברוינע הויט האָט אַ גלאַנץ געטאָן אונטער דער לאַכעדיקער זון און זיינע אויגן האָבן זיך פריער, ווי ביי אַ בייבי, פאַרזשמורעט און דערנאָך זיך ברייט אויפגעעפנט.

— היינט איז גראַדואירונג־טאָג! — איז אים דורכגע־לאָפן אין קאָפּ.

עס איז אים גלייך געוואָרן פריילאַך. ער האָט זיך דער־מאָנט אין די גוטע צייכנס, וואָס ער האָט געקראָגן ביים לעצטן עקזאַמען, און זיין לערערן האָט פאַר אַלע שילער אים געלויבט פאַר זיין פלייסיקייט און גוטער אויפפירונג.

— דו ביסט אַ וואוילער יונג, דזשימי! — האָט צו אים געזאָגט דער פּרינציפּאַל אַליין נעכטן און האָט אים פריינט־לאַך אַ קלאַפּ געטאָן איבערן פלייצע.

דזשימי האָט זיך געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון בעט, זיך איבערקוליען, זיך אַ באָרע טאָן מיט עמיצן. די פרייד האָט אים געהויבן פון אָרט. היינט איז דער לעצטער טאָג אין פּאַבליק־סקול! פון היינט אָן הייבט ער שוין אָן צו ווערן אַ גרויסער! נאָר אין קעלער איז געווען שטיל. האָט ער אַ טראַכט געטאָן, סע מוז נאָך זיין פרי, און די מאַמע זיינע מוז

נאָך שלאָפן אַודאי אין צווייטן צימער. האָט ער זיך צוריק אויסגעצויגן אויף זיין מאָגערן צעריסענעם מאַטראַץ. עס איז געווען אַזוי זיס צו ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און ניט דאַרפן זיך איילן, און ניט מורא האָבן צו פאַרשפעטיקן אין קלאַס! און ווי גוט עס איז צו זיין אַ גרויסער.

ער וועט קענען טאָן, וואָס ער וויל, גיין וואוהין אים גלוסט זיך. ער וועט געפינען אַרבעט, וועט ארויסהעלפן דער מאַמען...

— אוי, איך דאַרף אָפּקערן די שטיגן! — האָט ער זיך פלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן, — אפשר איז שוין גאָר שפּעט און די מאַמע טוט עס שוין?

— מאַמע, מאַמע! — האָט ער אַ רוף געטאָן. קיינער האָט ניט געענטפערט. ווייזט אויס, אַז די מאַמע אַרבעט שוין אַרום הויז.

דזשימי האָט זיך אין איילעניש געגומען אָנטאָן. ער האָט ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז זיין שוואַכע מאַמע זאָל דאַרפן טאָן נאָך זיין אַרבעט אויך. יעדן פרימאָרגן, איידער ער פלעגט אַוועקגיין אין סקול, פלעגט ער אָפּקערן פאַר דער מאַמען די שטיגן און דעם טראָטואַר. פאַרוואָס זאָל ער האָבן גראָד היינט פאַרשפעטיקט, ווען ער איז פריי?

— שעמען מעגסטו זיך, דו גרויסער נאַר! — האָט ער אויף זיך אַליין געבייזערט, זוכנדיק די זאַכן. אָבער, ווי אויף צו להכעיס, איז איין זאָק געווען אונטערן בעט, דער צווייטער — אונטערן טיש, די שיך האָבן אינגאַנצן געפעלט, און דזשימי האָט זיך ארומגעיאָגט פון איין ווינקל אין צווייטן

און ניט געקענט, ווי געוויינטלאך, אַפּזוכן זיין צעזייט און צעשפּרייט אַנטועכץ.

— אויב איך וועל נאָכאַמאָל אין אָונט אַוועקלייגן מיי־נע זאַכן אויף איין אָרט, זאָל איך...

ער האָט ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ שלעכטע זאַך ער זאָל זיך ווינטשן, אויב ער וועט זיין וואָרט ניט האַלטן. ער איז געווען זייער אין כעס אויף זיך.

— וואָס איילסטו זיך אזוי, דזשימי? דאַרפסט דאָך היינט ניט גיין אין סקול, — האָט ער דערהערט דער מוטערס קול.

— אָ, מאַמע! איך דאַרף דאָך אָבער אָפּקערן די שטיגן.

— נישקשה, איך האָב עס שוין אַליין געטאָן.

— צו וואָס האָסטו עס געדאַרפט טאָן? — האָט ער געפרעגט, — דו ווייסט דאָך, אַז איך טו דאָס יעדן טאָג. האָסט קאַרג אַרבעט?

— היינט איז דאָך דיין לעצטער טאָג אין סקול, דזשימי. וויל איך דו זאָלסט האָבן יום־טוב.

— מאַמעניו, דו ביסט גוט, ווי גאָלד! — האָט פריילאך אויסגעשריגן דאָס אינגל און מיט איין שפּרונג איז ער שוין געווען צוריק אין בעט.

זיין מאַמע, אַן עלטערע אויסגעדאַרטע פרוי, האָט זיך מיד צוגעזעצט אויף זיין בעטל. דזשימי האָט באַמערקט איר מידקייט און דאָס האַרץ האָט אים פאַרקוועטשט, קוקנדיק אויף איר.

— מאַמע, ווייסט, אַט אין גיכן, גאָר גיך טאַקע, וועל

איך אוועקגיין אַרבעטן. איך וועל זיך אויסלערנען עפּעס אַ גוטע מלאכה און איך וועל פאַרדינען אַ סך געלט. לאָך ניט, מאַמע, — האָט ער געזאָגט, באַמערקנדיק איר שמייכל, — דו וועסט זען, איך וועל פאַרדינען אַסך געלט און כ׳וועל קויפן אַ קליינע הייזקע, און דו וועסט דאָרטן וואוינען און זיין די באַלאַבאָסטע, און מיר וועלן דאָרטן האָבן אַ גאָרטן, און בלומען און נאָך זאַכן, און דו וועסט ניט דאַרפן אַרבעטן! איך וועל דיך ניט לאָזן. איך וועל אַלצדינג אַליין באַזאָרגן.

— הלואי זאָל עס אמת זיין, מיין זון, — האָט זי געענטפערט מיט אַ זיפץ, — מיר, שוואַרצע, קענען זייער ווייניק גוטס דערוואַרטן פון לעבן. די ווייסע האָבן אַלץ פאַרכאַפּט פאַר זיך.

— אָבער פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, מאַמע? מיט וואָס בין איך ערגער פון די ווייסע קינדער? איך בין אַזוי גוט, ווי זיי; אין סקול לערן איך זיך ניט ערגער פון זיי, און איך בין אַזוי קלוג ווי זיי, און שטאַרק ווי זיי. וואָס בין איך שול־דיק, אַז איך בין געבוירן געוואָרן מיט אַ שוואַרצער הויט און זיי מיט אַ ווייסער? מאַמע, דו וועסט זען, עס וועט שוין זיין גוט. און דו מוזט היינט גיין מיט מיר אין סקול צום קאָנ־צערט! אַלע מאַמעס זיינען איינגעלאַדן, האָט די לערערן געזאָגט.

— ניין, קינד, איך וועל ניט גיין. די ווייסע חברה וועלן נאָך חוזק מאַכן פון מיר.

— זאָלן זיי נאָר וואַגן! — האָט זיך דזשימי אָנגע־צונדן פון כעס. — איך וועל זיי שוין ווייזן.

— נו, גוט, גוט, מירן שוין זען. אָבער שטיי שוין אויף, עס איז שוין שפּעט.

די אַלטע איז אַוועק אין קיך צוגרייטן אַ גלאָז קאַווע, און דזשימי האָט זיך לאַנגזאַם אָנגעטאָן. ער האָט טרויעריק באַטראַכט זיינע פאַרלאַטעטע הויזן און אויסגעקרימטע שיך, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די יום־טובדיקייט פון טאָג איז געוואָרן עפּעס טונקעלער פון אַזעלכע מלבושים. אָבער ער האָט גאָרניט געזאָגט. וואָס זאָל מען טאָן, אַז די מאַמע קען ניט קויפן קיין נייע? ער האָט זיך געטרייסט, אַז אַ בלוזע האָט ער דערפאַר אַ נייע, און די שיך וועט ער אָפּפּוצן, און די הויזן וועט סאַי ווי סאַי קיינער ניט באַמערקן. — עס וועט שוין זיין גוט, — האָט ער געטראַכט, ווי זיין שטייגער איז געווען.

— מאַמע, — איז ער צו צו דער מוטער אין קיך, — וואו איז מיין נייע בלוזע?

— אָט דאָרטן אויפן שטול הענגט זי, זעסט ניט?

ער האָט אויפגעהויבן די בלוזע און איז געבליבן שטיין אַ פּאַר׳חדוש׳טער.

— מאַמע, וועמעס ווייסער אָנצוג הענגט דאָס דאָ? דאָס האָסטו אויסגעוואַשן פאַר עמיצן?

— דאָס איז ניט קיין געוואַשענער, דאָס איז אַ נייער, — האָט זי געענטפערט.

— אָבער פאַר וועמען איז דאָס? און די ווייסע לייוונטענע שיך וועמעס זיינען?

— דאָס איז אַלץ פֿאַר דיר, — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויף אים מיט אַ גליקלאַכן שמייכל.

— פֿאַר מיר? דו האָסט געקויפֿט פֿאַר מיר? וואו האָסטו גענומען געלט?

— וואָס אַרט דיך? איך האָב אָפּגעשפּאָרט. איך האָב ניט געוואָלט, אַז דו זאָלסט אויסזען היינט אָרימער פֿון אַנ־דערע קינדער.

טרערן האָבן זיך געשטעלט דזשימין אין די אויגן פֿאַר פֿרייד. ער איז צוגעפֿאַלן צו דער מאַמען, האָט זי אַ קוש געטאָן אין דער צעקנייטשטער שוואַרצער באַק, האָט זי אַרומגענומען און גענומען טאַנצן מיט איר איבערן קיך.

— לאָז שוין אָפּ, משוגענער, לאָז שוין, — האָט זי זיך געוועדט אַ גליקלאַכע און צופֿרידענע.

— מאַמעניו, דו וועסט זען, איך וועל דיר שוין אָפּדאַנ־קען. דו וועסט זען, עס וועט שוין זיין גוט! — האָט ער אוים־געשריגן אַ פֿריידיקער.

ער האָט געשווינד אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די אַלטע זאַכן, האָט זיך איבערגעטאָן אין די נייע און איז צוגעלאָפֿן צום שפּיגל זיך באַקוקן. אַ פֿראַנט! און ער האָט זיך גאָרניט, וואָס צו שעמען פֿאַר קיינעם.

ער האָט אָפּגעגעסן איילנדיק און איז אַרויס אין גאַס. אים האָט זיך געוואָלט, אַז אַלע זיינע חברים פֿון סקול זאָלן אים זען אַן אויסגעפּוצטן; אָבער גראָד, ווי אויף צו להכעיס, איז קיינער נאָך ניט געווען אין גאַס. ער האָט זיך דורכגע־

דרייט אַ פּאָר מאָל פאַרן הויז און איז אַוועקגעגאַנגען אין פּאַרק.

עס איז נאָך געווען פרי, איז ווייניק ווער געווען אין פּאַרק. וואו ניט וואו איז געזעסן אַ פרוי מיט אַ קינדער־וועגעלע. דאָס גראָז אַרום די ביימער איז געווען אַזוי קיל און שמעקעדיק, און דזשימין האָט אַ צי געטאָן זיך אויסצוציען אונטער אַ בוים. אָבער דער נייער אָנצוג האָט אים געשטערט. אַ שאָד שמוציק מאַכן אַזאַ ווייסן שיינעם אָנצוג. ער האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ ניט געהאַט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַווײַלע, ביז די זון האָט אָנגעהויבן צו בריען צו שטאַרק, האָט ער אויסגעשפּרייט אַ צייטונג און האָט זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז אונטער אַ בוים. דורך דער גרינער נעץ פון בלעטער האָט ער געקוקט צום בלויען הימל, צו די ווייסע וואָלקנדלאַך, וואָס זײַנען זיך פאַמעלאַך געשוואומען, און דזשימי האָט געטראַכט, אַז עס וואָלט גוט געווען, ווען ער קען אַזוי אַ הייב טאָן זיך צום הימל, זיך אַרויפכאַפּן אויף אַזאַ דורכזיכטיק וואָלקנדל און אַוועקשווימען מיט אים ערגעץ ווייט, ווייט, אין דעם וואונדערלאַכן לאַנד, וואו יענע גוטע צויבערינס וואוינען, וועגן וועלכע ער האָט געלייענט אין די מעשה׳לאַך.

לאַנג איז ער געלעגן אַ פּאַר׳חלום׳טער ביז די זון איז צוגעקומען אויך צו זיין באַהעלטעניש און עס איז געוואָרן היים.

מע דאַרף גאָר צוגיין צום טייך, אפשר וועט מיך עמיצער ארויפנעמען אויף אַ שיפל.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון פּלאַץ און איז פריילאַך

אװעקגעלאָפֿן צום טײַך. די הענט אין די קעשענעס, איז ער זיך געגאַנגען אַרום און װאַסער, צופֿײַפֿנדיק. ער האָט געװאַרט, אַז אַ באַקאַנטער אינגל זאָל אונטערקומען מיט אַ שיפֿל, װעט ער זיך אויך אַרײַנכאַפּן.

— העי, ניגער, װאָס האָסטו זיך אַזױ אױסגעפּוצט הײַנט? — האָט ער דערהערט אַ רוף הינטער זיך.

ער האָט זיך אומגעקוקט. אויף אַ באַנק, ניט װײַט פֿון װאַסער, זײַנען געזעסן פֿינף אינגלאַך, אַביסל עלטער פֿון אים, און האָבן שפּאָטיש געקוקט אויף אים.

— װאו האָסטו גענומען אַזאַ נײַעם אָנצוג? האָסטו אים אװעקגע׳גנב׳עט? — האָט אַרײַנגעװאָרפֿן אַ צװײטער פֿון דער חברה.

— העי, ניגער, נאַ דיר אַ שטיקל זײף און װאַש אָפּ דײַן שמוציקע צורה! — האָט אַ דריטער צוגעגעבן.

אין דזשימין האָט דאָס בלוט אַ קאָך געטאָן. אָבער ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן.

— האַלט ס׳מויל, איר יונגאַטשעס! װער טשעפּעט אײַך? — האָט ער רואיק געענטפֿערט.

— העי, ניגער, װער איז דײַן טאַטע געװען, אַ שװאַר־צער קודלאַטער הונט, מסתמא, אַזוי װי דו? — האָט אײנער אַ פֿרעג געטאָן און די איבעריקע אינגלאַך האָבן זיך פֿרעך צעלאַכט.

— איר זײַט אַליין הינט. מײַן טאַטע איז געװען אַ גר־טער ערלאַכער מאַן! — האָט מיט כעס אַ געשרײ געטאָן דזשימי און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו זיי.

זיין כעס האָט פאַרשאַפט אַ בייזע הנאה די אינגלאַך.

— כאַ, כאַ, כאַ, אַן ערלאַכער מאַן! מיר ווייסן אייך, שוואַרצע מאַלפּעס. איר זייט אַלע גנבים. זאָג דעם אמת: ווער האָט אַט דעם אָנצוג אַוועקגע׳גנב׳עט, דו צי דיין מאַמע?

אַלע פינף אינגלאַך זיינען איצט געשטאַנען אויף די פיס, אויפגערעגטע, זוכנדיק אַן אויסרייד אָנצוהייבן אַ געשלעג.

— מיין מאַמע איז אַ גנב׳טע? דו געמיינע בריאה, ווי וואַגסטו דאָס צו זאָגן?

דזשימי איז צוגעלאָפן און האָט אָנגעכאַפּט דעם אינגל, וואָס האָט באַליידיקט זיין מאַמען, ביים קאָלנער.

— דער ניגער וויל זיך שלאָגן, דער ניגער וויל זיך שלאָגן, — האָבן זיך אַלע פינף צעלאַכט.

— אימי, מיני, מייני, מאָ,
קעטש ע ניגער ביי די טאָ.
איף הי האָללעס, לעט הים גאָ.
איני, מיני, מייני, מאָ. —

האָט פּלוצלונג אויסגעזונגען איינער פון דער באַנדע, אָנ־כאַפּנדיק דזשימין ביים פוס.

דזשימי האָט אים אַ שליידער געטאָן פון זיך, האָט זיך אַרויסגעדרייט פון זייער מיט און האָט אויסגעשריגן:

— ווער פון אייך וויל זיך שלאָגן — קום אַרויס! איך בין גרייט זיך צו שלאָגן מיט יעדן פון אייך!

זיינע אויגן האָבן געברענט פון כעס און באַליידיקונג. ער האָט זיך אויסגעבויגן און זיינע קליינע שטאַרקע הענט

מיט די פאַרקוועטשטע פויסטן האָט ער אויסגעשפּרייט פאַ־
רויס, גרייט צו ווערן זיך קעגן זיינע שׂונאים.

די פינף אינגלאַך האָבן זיך איבערגעקוקט, איבערגע־
וואונקען און זיך צעלאַכט.

— ווי געפעלט אייך דער ניגער, ער וויל זיך דאָך שלאָגן!

זיי האָבן זיך אַ נעם געטאָן פאַר די הענט און אין אַ
רגע האָבן זייערע הענט אין אַ רינג זיך פאַרשלאָסן אַרום
דזשימין.

— נו, ניגער, שלאָג זיך! — האָבן זיי שפּאָטיש געגר־
מען טאַנצן אַרום אים, צופּנדיק אים ביי די האָר, ביים נאָז,
ביים אָנצוג.

דזשימי האָט דערזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן. מיט
אַ בלינדן כעס האָט ער גענומען קלאַפּן מיט די פויסטן אַרום
זיך, מערסטנטייל ניט טרעפנדיק קיינעם, ווייל ער האָט זיך
ניט געצילט. ווי בייזע חיות זיינען זיינע שונאים געשטאַנען
אַרום אים און געריסן און געשלאָגן אים ניט אַרויסלאָזנדיק
אים פון רינג.

— חברה, לאָמיר דעם ניגער אַריינוואַרפן אין וואַסער!
— האָט פּלוצלונג אויסגעשריגן איינער פון די אינגלאַך.

— אין וואַסער, אין וואַסער! — האָבן אונטערגעכאַפּט
די איבעריקע.

פינף פאַר הענט האָבן אַ נעם געטאָן דזשימין, וואָס האָט
ווילד און פאַרצווייפלט געקעמפט, נאָר זיי זיינען געווען
שטאַרקער פון אים.

— נישקשה, ניגערל, וועסט זיך אָפּבאָדן, וועסטו ווערן ווייס! — האָט איינער געשריגן.

— שטאַרקער, חברה!

זיי האָבן אים דערשלעפּט צום ברעג און מיטן גאַנצן כוח אַריינגעשליידערט אין וואַסער.

— הוראַ! — האָבן זיי אַלע אויסגעפּלאַצט אין אַ ווילדן געשריי.

— וואָס האָט איר געטאָן?

די פינף אינגלאַך האָבן זיך דערשראָקן אומגעקוקט. פאַר זיי איז געשטאַנען אַ אינגל פון זייער עלטער. ער איז געווען הויך און שיין, זיין געזיכט איז געווען בלאַס פאַר אויפרע־גונג און די גרויסע בלויע אויגן האָבן געבליצט פאַר כעס.

די אינגלאַך האָבן פאַרשעמט זיך איבערגעקוקט.

— הינט! — האָט דער ניי־געקומענער אַ שפּיי געטאָן אויף זיי און איז צוגעלאָפן צום ברעג צו ראַטעווען דזשימין.

דאָס וואַסער איז געווען ניט טיף. דזשימי איז אַרויסגע־שוואומען און איז מיט דער הילף פון דעם ניי־געקומענעם אַרויסגעקראָכן פון וואַסער. ער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, ניט אויפהייבנדיק די אויגן צו קיינעם. דאָס וואַסער איז אין שטראָמען געראָנען פון זיינע האָר, פון דעם נייעם אָנצוג, פון די נייע לייוונטענע שיך.

די אינגלאַך זיינען ווי מייז צעלאָפן זיך. נאָר דער ניי־געקומענער איז געבליבן.

— נעם זיך ניט צום האַרצן, דזשימי, — האָט ער גע־זאָגט, — עס וועט זיך אויסטריקענען, און דו האָסט זיך בראַוו

געשלאָגן, איינער קעגן פינף, האָסט זיך ניט וואָס צו שעמען.

דזשימי האָט גאָרניט געענטפערט. זיין האַרץ איז געווען פאַרביטערט און צעבראָכן און ס'האָט זיך אים געוואָלט וויינען. אָבער ער האָט שטאָלץ איינגעהאַלטן די טרערן.

— דזשימי, דו קענסט מיך דאָך. איך וואוין דאָס צווייטע הויז פון דיר, הערי ראָזנבערג, געדענקסט? לאָמיר זיין פריינט, דזשימי, ווילסט? גיב מיר דיין האַנט, — האָט הערי וואַרעם געזאָגט, אַריינקוקנדיק דזשימין אין פנים.

דזשימי האָט פון אונטערן שטערן אַ קוק געטאָן אין הערים בלויע גוטע אויגן, און הייסע טרערן האָבן זיך, קעגן זיין ווילן, אַ גאָס געטאָן פון זיינע אויגן.

מאַרים זארודין.

## אין זאָאָלאָגישן גאָרטן

נאַכט און רעגן. אַלע חיות
שלאָפן שוין אין שטייג.
נאָר דער פלינקער אויכנהאָרן
שפרינגט פון צווייג צו צווייג.

ליידיק אַלע בענק און ביידלאַך,
אַלע וועגן — נאַס;
קומען זוכן אַ באַהאַלטונג,
הימלאָזע פון גאַס.

זעצט זיך איינער אויף אַ בענקל,
און פון פנים — גיסט;
זיינע הענט — זיי האָבן נאָר וואָס
זיך געשאַרט אין מיסט.

קוקן ערגעץ, ווי דורך גראַטן,
זיינע אויגן טויט,
און פון בוזים אויף די גראָזן
פאַלט אַ שטיקל ברויט.

נאַכט און טרויער. פון די ביימער
שיט אַ רעגן-שטויב,
און פון שלאָף מיט גוואַלדן פלוצלונג
גיט אַ שפרונג דער לייב.

ה. לייוויק.

# דער פֿאַר׳כשופֿ׳טער שפּיגל

## (א)

אַ ר לאַנג-לאַנג, אין פֿאַרצייטיקע יאָרן, האָט אין אַ יאַפּאַנישן דאָרף עטשיגאָ געוואוינט אַ יונג פּאָר-פֿאָלק. דער מאַן האָט געהייסן מאַטסו-סאַן און דאָס ווייב — דזאָ-סאַן. די יונגע לייט האָבן זיך זייער ליב געהאַט און געפֿירט אַ רואיק שטיל לעבן.

איינמאָל האָט דער מאַן מאַטסו-סאַן געדאַרפֿט פֿאָרן אין דער שטאָט מאַטסו-יאַמאַ צוליב געשעפֿט. פֿאָרן פֿאָרן האָט זיין געליבט ווייב, די שיינע דזאָ-סאַן, אים געבעטן, ער זאָל איר ברענגען עפּעס אַ מתּנה פֿון וועג.

מאַטסו-סאַן האָט איר צוגעזאָגט.

זיי האָבן זיך האַרציק געזעגנט, און ער איז אַוועקגעפֿאָרן.

אין מאַטסו-יאַמאַ האָט מאַטסו-סאַן זייער גוט פֿאַרדינט. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געקומען צוריק אַהיים, און מיטגעבראַכט אַסך גאָלד און שיינע גוטע זאַכן.

— און דאָס איז פֿאַר דיר! — האָט דער מאַן געזאָגט און דערלאַנגט דעם ווייב אַ שפּיגל.

אין יענע יאָרן האָט מען נאָך אין יאַפּאַניע ניט געוואוסט פֿון קיין שפּיגל. מענטשן, דערהויפּט יונגע מיידלאַך, פֿלעגן זיך אַמאָל אָפּשפּיגלען אין קלאָרן, ריינעם טייך-וואַסער, אָדער

אין אַ גלאַנציקער קופּערנער כלי, אָבער דאָס פּנים איז קיינ־מאָל ניט געזען געוואָרן ריכטיק, ווי עס איז אין דער אמת׳ן.

(ב)

ווען די שיינע דזאָ־סאַן האָט דעם קײלאַכדיקן בליש־טשענדיקן שפּיגל גענומען, האָט זי אין זײַן געשליפענעם גלאָז אַ שיינע ליכטיקע צורה דערזען. דאָס איז געווען איר אייגן פּנים, אָבער זי האָט עס ניט געוואוסט.

— וואָס איז עס אַזוינס? ווער שמייכלט עס אַרוים צו מיר אַזוי איידל און צאַרט? — האָט זי דעם מאַן געפרעגט פאַר׳חידוש׳ט.

מאַטסו־סאַן האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— ליבע דזאָ־סאַן, דאָס איז דאָך אַ שפּיגל. אין אים שפּיגלט זיך אָפּ אונזער אייגן פּנים. דו זעסט זיך אַליין, דיין אייגן ליבלאַך הארציק שמייכעלע.

ס׳איז שווער צו באַשרייבן די שמחה פון דזאָ־סאַן. זי האָט געטאַנצט און געשפּרונגען און ניט אַרויסגעלאָזן דאָס שפּיגעלע פון האַנט: געקוקט און געשמייכלט אין אים אַריין און געקליבן נחת, ווי עס בלישטשען איר צוריק די אויגן און עס שמייכלען איר צוריק די ליפּן און עס שיינט צוריק דאָס גאַנצע ליכטיקע פּנים.

— אַך, סאַראַ קלוגע מענטשן די וועלט פאַרמאָגט! — האָט זי אויסגעשריען, — ווי זיי קענען עס דאָרטן אין די שטעט, אָפּמאָלן אַ פּנים פון אַ מענטשן, וואָס זיי האָבן אים קיינמאָל ניט אָנגעזען!...

(ג)

פון יענער צייט אָן איז מאַטסו־סאַנס הויז געווען געראָטן אין אַ שטייגל מיט אַ לוסטיק שפּרינגענדיק פייגעלע. גאַנצע טעג פלעגט די שיינע דזאָ־סאַן האַלטן דאָס שפּיגעלע און איינקוקן זיך אין איר שיינעם ליכטיקן פּאָרטרעט. דערביי פלעגט זי אונטערטאַנצן און אונטערשפּרינגען, און צו איר שמחה איז גאָר קיין גרענעץ ניט געווען.

נאָר אַלץ האָט זיין צייט.

דזאָ־סאַן האָט געבוירן אַ מיידעלע, וועמען די עלטערן האָבן אַ נאָמען געגעבן אי־סאַן. צוגעקומען אַ מענטש, איז צוגעקומען פאַר דזאָ־סאַן אַ פרישע דאגה און פרישע אַרבעט אין שטוב. דעם טייערן אוצר, דעם שפּיגל, האָט זי באַהאַלטן אויפן דעק פון אַ קופערט, און איבערגעגעבן זיך מיט לייב און לעבן, צו דערציען איר טאָכטער.

די טאָכטער איז געוואַקסן און אויסגעוואַקסן אַ שיין מיידל. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע פריילאַכקייט און לעבעדיקייט איז אַריבער פון דער מאַמען צו דער טאָכטער. וואָס בלייכער עס זיינען געוואָרן די באַקן פון דזאָ־סאַן, אַלץ רויטער זיינען געוואָרן אי־סאַנס בעקלאַך. זיי זיינען אָבער אַזוי געראָטן געווען איינע אין די אַנדערע, אַז ווען אי־סאַן איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר, האָט דער פאָטער זיי ביידן ארומגענומען און געזאָגט:

— איך האָב איצט צוויי אי־סאַנס — אַ יונגע און אַן עלטערע.

(ד)

אַזוי זיינען אַריבער טעג, חדשים און יאָרן. פאַרביי די צייטן פון פרייד און אָנגעקומען צייטן פון זאָרג.

דזאָ־סאַן איז שטאַרק קראַנק געוואָרן, פון טאָג צו טאָג איז זי שוואַכער געוואָרן, אירע כוחות זיינען אויסגעגאַנגען, און אַלע האָבן געוואוסט, אַז זי שטאַרבט אַוועק.

— צי וועל איך דיך שוין מער קיינמאָל ניט זען, טייערע מאַמע? — האָט אי־סאַן געוויינט מיט ביטערע טרערן ביי איר קראַנקער מוטער צוקאָפּנס.

— מיין קינד, — האָט דזאָ־סאַן געענטפערט, — וועסט מיך זען, וועסט מיך אייביק זען, ווען דו וועסט נאָר ווען. איך וועל שטענדיק זיין מיט דיר, נאָר דו וועסט מיך ניט זען אַזעלכע, ווי איצט, אַן אַלטיטשקע, אַ קראַנקע; דו וועסט מיך זען אַזעלכע, ווי דו האָסט מיך געזען אַמאָל, ווען דו ביסט נאָך געווען אַ קליינינקע! דו געדענקסט, ווען דו ביסט נאָך געווען גאָר אַ קינד, בין איך געווען פריילאַך, יונג און שיין, ווי דו איצט. איצט בין איך אַלט און דער גלאַנץ פון מיין פנים איז אַראָפּ. ווען איך וועל שטאַרבן, עפן אויף דעם קופערט, וועסטו אויפן דעק געפינען אַ שפּיגעלע. אין יענעם שפּיגעלע איז פאַראַן מיין פּאָרטרעט. ער איז געמאַכט גע־ווען, ווען איך בין נאָך געווען גאָר יונג און שיין. ווען דו וועסט זיך פאַרבענקען נאָך מיר, זאָלסטו נעמען דאָס שפּי־געלע און איינקוקן זיך אין מיין בילד.

דזאָ־סאַן האָט עס געזאָגט און איז געשטאָרבן.

## (ח)

לאַנג האָט אי־סאַן געוויינט און געטרויערט. זי האָט ניט געקענט טרייסטן זיך נאָך איר געשטאָרבענער מוטער. נאָר נאָכדעם האָט זי זיך דערמאָנט איר מוטערס ווערטער וועגן דעם פּאָרטרעט.

זי האָט אויפגעעפנט דעם קופערט און אַרויסגעצויגן דעם טייערן גלאַנציקן אוצר, וואָס איז געלעגן איינגעפּאַקט אין אַ שיין רעמעלע.

ווען זי האָט דעם פּאָרטרעט דערזען, האָט זי אַזש אויסגעשריען פון גרויס פרייד.

אויף איר האָט געקוקט מיט פריילאַכע און גליקלאַכע אויגן איר מוטער; ניט די קראַנקע אַלטע מוטער, נאָר די יונגע, לוסטיקע, וועמען אי־סאַן האָט געדענקט פון די יונגע קינדערשע יאָרן, שוין לאַנג־לאַנג...

אי־סאַן האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון שפּיגל. זי האָט געקושט דער מוטערס פּנים, איינגעגעסן זיך אין אים מיט די אויגן און געטאַנצט און געשפּרונגען פון שמחה.

און פון דאַמאָלסט אָן האָט אי־סאַן אָנגעהויבן פאַרברענגען גאַנצע טעג מיטן פאַר׳כשוף׳טן שפּיגל. זי האָט זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקן אויף איר ליבער טייערער מוטער. זי פלעגט שטענדיק ריידן מיט איר. די מוטער פלעגט איר גאָרניט ענטפערן, אָבער זי, אי־סאַן, פלעגט באַמערקן נאָכן שמייכל און גלאַנץ פון אירע אויגן, אַז די מוטער פאַרשטייט איר.

אַזוי זיינען אַדורכגעגאַנגען יאָרן.

(ז)

איינמאָל האָט זיך אין דאָרף אָפּגעשטעלט אַ גייסטלאַ־כער: דער חכם פון דער גרויסער געטין קאַ־נו.

דער גייסטלאַכער האָט דערזען, ווי אי־סאַן קוקט אין שפּיגל און לאַכט צו אים און רעדט מיט אים.

— וואָס טוסטו? — פרעגט ער זי.

— איך רייד מיט מיין טייערער מוטער! — ענטפערט אי־סאַן, — איך קוק אויף איר פּנים און פריי זיך זעענדיק, ווי זי איז גליקלאַך און פריילאַך.

— און וואו איז דיין מוטער? — האָט דער גייסטלאַ־כער ווידער געפרעגט.

— מיין מוטער איז געשטאָרבן! — האָט אי־סאַן גע־זאָגט, — נאָר זי האָט מיר אין רעמל איר פּנים געלאָזן, כדי איך זאָל זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

— דו קינד, נאַריש קינד! צי איז דאָס דיין מאַמעס פּנים? דאָס איז דאָך אַ שפּיגל. אין אים שפּיגלט זיך אָפּ, פּונקט ווי אין קלאָרן טייך־וווייטער, דיין אייגן פּנים!

אי־סאַן האָט אָנגעשטעלט אויערן און אויגן. זי האָט ניט געוואָלט גלייבן.

דער הייליקער האָט ווייטער גערעדט:

— גיב מיר נאָר אַהער, ליב קינד, דעם שפּיגל.

אי־סאַן האָט דערלאַנגט דעם הייליקן דעם שפּיגל. אירע הענט האָבן דערביי געציטערט.

דער גייסטלאַכער האָט אָנגעשטעלט דעם שפּיגל אַנט־קעגן זיין אייגן פּנים.

— שטעל זיך הינטער מיר און קוק זיך איין.

אי־סאַן האָט זיך געשטעלט.

— וואָס זעסטו דאָרט?

— איך זע דיך, הייליקער, און הינטער דיר מיין מו־טער... מיין אייגענעם פּנים!

אי־סאַן האָט עס אַרויסגערעדט און געפאַלן אין חלשות.

(ז)

ווען מ׳האָט אויפגעמינטערט די קליינע אי־סאַן, האָט זי אָנגעהויבן קלאָגן און יאָמערן:

— מאַמע, טייערע מאַמע! איצט ערשט האָב איך דיך אַ צווייט מאָל פאַרלאָרן, שוין אויף אייביק פאַרלאָרן.

עס זיינען געקומען אירע פריינדינען און זי געטרייסט, אָבער זי האָט קיין טרייסט ניט אָנגענומען. איר פאָטער האָט זי געפּרואווט בארואיקן, אָבער זי האָט זיך ניט באַרואיקט.

*

און די געטין קאַ־נו האָט צוגעקוקט אַלץ, וואָס דאָ איז געשען, און זי האָט דעם הייליקן פאַרשאָלטן, פאַרוואָס ער האָט ביי דער קליינער אי־סאַן איר טרייסט צוגענומען.

ראַקאָווסקי—קאַפּלאַן.

## דער צויבערמאַן

קומט דער גוטער צויבערמאַן
אויף אַ גילדערנעם געשפּאַן;
האָט ער אויגן מילד און שוואַרץ
און אַ דימענטענעם האַרץ.
שטעלט ער זיך אין מיטן מאַרק,

הייבט ער אָן צו רופן שטאַרק:
— כ'האָב מתנות אַלערליי,
קומט און קלייבט זיך אויס פון זיי.
ווערט אַ טומל און געלאַף,
זעלטן מאַכט זיך אַזאַ טראַף;
איילט זיך יעדער צו דעם גליק,
בלייבט אַ קינד ניט אין דער וויג.

זאָגט דער צויבערמאַן און לאַכט:
— כ'האָב פון אַלצדינג מיטגעבראַכט;
זאָגט מיר יעדער זיין באַגער,
איין באַגער נאָר און ניט מער.
האָט איר צייט אַ פערטל שעה
און דערנאָך בין איך ניטאָ.

— איין באַגער נאָר און ניט מער,
אויסצוקלייבן זייער שווער.

קלער אַהער און קלער אַהין,
פּאָלג אַ גאַנג מיך און געפין,
וואָס איז בעסער: דאָס צי יענץ —
שרייען אַלע ווי די גענז.

פון די אַלע מענטשן פיל
ווייס ניט איינער, וואָס ער וויל.
זיינען אַלע אין אַ קלעם.
פרעגט יענעם, פרעגט מען דעם:
— וואָס נעמט ער? און וואָס נעמסטו?
און אין מיטן: טרו-טרו-טרו!
בלאָזט אַ זילבערנער טראָמפּייט,
און פאַרשוואונדן שטילערהייט
איז דער גוטער צויבערמאַן
מיט דעם גילדערנעם געשפּאַן.

יהואש.

# דער רעגן



ער זון פון הימל, דער קיסר לי־אַ־אַ, איז געשטאַנען ביים פענסטער פון זיין פּאָרצעלייענעם פּאַלאַץ.

ער איז געווען זייער יונג, דערי־בער איז ער אויך געווען גוט. ער איז שטענדיק געווען ארומגערינגלט מיט פּראַכט און גלאַנץ. דאָך האָט ער קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו קלערן וועגן די אָרימע און אומגליקלאכע פון זיין לאנד.

איינמאָל איז אַ רעגן געפאַלן. טייכן האָבן זיך געגאָסן. דער הימל האָט געוויינט, און קוקנדיק אויף אים האָבן זיך פון די ביימער און בלומען אויך טרערן געגאָסן.

אַן אומעט איז אָנגעפאַלן אויפן קיסר, און ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— שלעכט איז יענע, וועלכע האָבן קיין הוט ניט אין אַזאַ רעגן דעם קאָפּ זיך צו באַדעקן!

און ניט קלערנדיק, האָט ער זיך געווענדט צו זיין קאַ־מערהער:

— איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן, וויפל אַזעלכע אומ־גליקלאכע עס געפינען זיך אין מיין הויפּטשטאָט פּעקין.

דזונג־כי־דזונג האָט אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ, אַ פאַל געטאָן אויף די קני און געענטפערט:

— ליכטיקע זון! צי איז דאָ עפעס אוממעגלאכס פאַרן הערשער פון די הערשערס? נאָך ביזן זון־אונטערגאַנג וועט דיין וואונטש דערפילט ווערן!

דער קיסר האָט גענעדיק אַ שמייכל געטאָן, און דזונג־כי־דזונג האָט זיך ווי אַ פייל פון בויגן אַ לאָז געטאָן צום ערשטן מיניסטער סאַן־טשי־סאַנו און מיט אומרו געזאָגט:

— אונזער הערשער, דעם טאַטן פון מאָרגנשטערן, באַאומרואיקן די אַלע, וועלכע גייען ארום אָן אַ הוט אין אונזער פעקין, און ער וואָלט נאָך היינט געוואָלט וויסן, ווי גרויס עס איז די צאָל זייערע.

—עס געפינען זיך דאָ ביי אונז גענוג אַזעלכע טויגע־נישטן! — האָט געענטפערט סאַן־טשי־סאַנו. — פונדעסט־וועגן...

און ער האָט גלייך געהייסן רופן צו זיך דעם ראַט פון שטאָט, פאַי־כי־וואָ.

— שלעכטע נייעסן זיינען פון הויף אָנגעקומען! — האָט ער געזאָגט, ווען פאַי־כי־וואָ האָט איינגעבויגן זיין קאָפּ אַלס סימן פון אויפמערקזאַמקייט. — דער הערשער פון אונזערע לעבנס האָט באַמערקט אומאָרדענונגען.

— ווי? — האָט מיט גרויס שרעק אויסגעשריען פאַי־כי־וואָ — צי עקזיסטירט דען דאָ ניט אַ שיינער באַשאָטנטער גאָרטן, וואָס פאַרשטעלט פעקין פון דעם קיסרס פּאַלאַץ?

— איך ווייס ניט ווי אזוי עס האָט געטראָפן, — האָט געענטפערט סאַן־טשי־סאַנו, — נאָר זיין מאַיעסטעט באַאומרואיקן די אַלע טויגענישטן, וועלכע גייען ארום אין אַ רעגן אָן הוטן. ער וויל נאָך היינט וויסן די צאָל פון זיי אין פעקין. גיב גלייך אַ פאַראָרדענונג!

— מען זאָל צו מיר גלייך ברענגען דעם אַלטן כלב

כוואַרדזונגען! — האָט אין אַ מינוט אַרום פאַראָרדנט פּאַי-כי-וואָ.

און ווען דער אָנפירער פון דער שטאָט-פּאָליציי איז צו אים געקומען, אַ בלאַסער פון שרעק, איז דער מאַנדאַרין אָנגעפאַלן אויף אים מיט די פאַרשיידנסטע קללות.

— דו פּוסטער קאָפּ, דו טויגעענישט, דו פאַרעטער! דו ווילסט אַז מען זאָל אונז אַלעמען, מיט דיר צוזאַמען, אָנטאָן אַ שטריק אויפן האַלז!

— דערקלער מיר די סיבה פון דיין צאָרן, — האָט זיך געבעטן כוואַר-דזונג, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אונטער די פיס פון מאַנדאַרין, — איך וויל פאַרשטיין דיינע טרייסט-ווערטער, אַנדערש וועט די שפּראַך פון דיין חכמה זיין פון מיר פאַרבאָרגן אויף אייביק!

— אַלטער כלב איינער! דו האָסט באַדאַרפט חזירים פּאַשען, איידער זיין אַן אויפזעער פון דער גרעסטער שטאָט אין דער וועלט! דער הערשער פון כינע האָט באַמערקט, אַז ביי דיר אין שטאָט איז אַן אומאָרדענונג: איבער די גאַסן שלעפּן זיך אַרום אויסוואורפן, וואָס האָבן אפילו קיין היטל ניט אָנצוטאָן אין אַ רעגן-צייט. זאָלסט מיר ביז ביינאַכט געבן צו וויסן וויפל אַזעלכע געפינען זיך אין פּעקין.

— אַלץ וועט זיין דערפילט אין דער גרעסטער אָרדענונג, — האָט געענטפערט כוואַר-דזונג, בשעת ער האָט זיך דריי מאָל אָנגעקלאַפּט מיטן קאָפּ אָן דער פּאָדלאָגע.

אין אייניקע סעקונדן אַרום איז ער שוין אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט, געטראָטן מיט די פיס די פּאָליציי, וואָס

האָט זיך גלייך גערהאָט צונויפגעקליבן אויפן געוואָלט פון זייער האַר, דעם גאַנג.

— איר אויסוואורפן! אַ העלפט פון אייך וועל איך אויפ־הענגען און די צווייטע העלפט וועל איך אויסבראָטן אויף הייסע קוילן! אַזוי גיט איר אַכטונג אויף דער שטאָט! אין אַ רעגן־צייט גייט מען ביי אייך אַרום אָן הוטן אין די גאַסן! אין פאַרלויף פון אַ שעה זאָל מען אויסכאַפּן אַלע די, וואָס האָבן קיין הוטן ניט!

די פּאָליציי האָט זיך גלייך גענומען אויסצופירן דעם שטרענגן אָנזאָג. אַ גאַנצע שעה האָט געדויערט דאָס געיעג איבער פּעקין.

— האַלט אים! כאַפּט אים! — האָט געשריען די פּאָלי־ציי, נאָכיאָגנדיק זיך נאָך די, וואָס האָבן קיין הוטן ניט גע־האָט.

זיי האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט פון הינטער אַלע פּלעצער, פון הינטער אַלע טויערן פון אַלע הייזער — מיט איין וואָרט, מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַלע ערטער, וואו נאָר די הויל־קעפּיקע האָבן זיך באַהאַלטן.

און אין אַ שעה אַרום, אין איין מינוט, זיינען אַלע הויל־קעפּיקע געשטאַנען אין תפיסה־הויף.

— וויפל זיינען זיי? — האָט געפרעגט כואַר־דזונג.

— צוואַנציק טויזנט אַכט הונדערט איין־און־זיבעציק,

— האָבן די פּאָליציאַנטן געענטפערט, בוקנדיק זיך ביז דער ערד.

— די תלינים! — האָט פאַראָרדנט כואַר־דזונג.

אין אַ האַלבער שעה אַרום זיינען שוין 20,871 קיטייער געלעגן אַן קעפּ אויף דעם תּפיסה־הויף.

די 20,871 קעפּ זיינען געוואָרען אַרויפגעשטעקט אויף פּיקעס און אַרומגעטראָגן איבער דער שטאָט, אַלע זאָלן וויסן און מורא האָבן. כואַר־דזונג איז באַלד אַוועק מיט אַ באַריכט צו פאַי־כי־וואַ, פאַי־כי־וואַ איז אַוועקגעגאַנגען צו סאַן־טשי־סאַנו, און סאַן־טשי־סאַנו האָט וועגן דעם געמאָלדן צו דזונג־כי־דזונג.

עס האָט אָנגעהויבן נאַכט צו ווערן. דער רעגן האָט אויפגעהערט. אַ לייכט ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן אויף די ביימער. בריליאַנטענע טראָפּנס האָבן אַראָפּגעטריפט פון די ביימער און געפאַלן אויף די שמעקנדיקע בלומען.

אין גאַנצן גאָרטן האָט געהערשט דער בעסטער ריח. לי־אַ־אַ איז געשטאַנען ביים פענסטער פון זיין פּאָרצעלייענעם פּאַלאַץ און זיך געקוויקט מיט דעם שיינעם בילד.

נאָר זייענדיק יונג און גוט, האָט ער אין דעם אויגנבליק אויך ניט פאַרגעסן זיינע אומגליקלאַכע.

— דו האָסט זיך דאָך געוואָלט דערוויסן, — האָט ער זיך געווענדט צו דזונג־כי־דזונג, — וויפל מענטשן ביי אונז אין פּעקין האָבן קיין היטלען ניט, כדי זיך צו פאַרדעקן פון רעגן?

— דער ווילן פון גרויסן הערשער פון דער וועלט איז דערפילט געוואָרן! — האָט געענטפערט מיט אַ נידעריקן נייג דזונג־כי־דזונג.

— זאָג דעם אמת! וויפל האָסטו אָנגעציילט אַזעלכע?

— אין גאַנץ כינע איז ניטאָ קיין איין מענטש, וואָס זאָל ניט האָבן קיין הוט אָנצוטאָן אין אַ רעגן-צייט. איך שווער דיר, אַז איך זאָג דעם ריינסטן אמת!

און דזונג-כי-דזונג האָט אויפגעהויבן די האַנט און איינגעבויגן דעם קאָפּ אַלס סימן פון אַ הייליקער שבועה.

דאָס פּנים פון גוטן קיסר האָט זיך באַלויכטן מיט אַ גליקלאַכן און פריילאַכן שמייכל.

— אַ גליקלאַכע שטאָט! אַ גליקלאַך לאַנד! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — און ווי גליקלאַך בין איך, וואָס אונטער מיין הערשאַפט פילן זיך אַלע גליקלאַך!

און אַלע אין הויף זיינען געווען גליקלאַך, זעענדיק דאָס גליקלאַכע פּנים פון זייער הערשער.

סאַן-טשי-סאַנו, פאַי-כי-וואָ און כואַר-דזונג האָבן באַקומען אָרדנס פון גאָלדענעם דראַכם פאַר זייער טרייקייט און זאָרג פאַר זייער פאָלק.

ו. מ. דראַשעוויטש.

גענזעסן איז אַ פלאַטערל
אין גאָרטן אויף אַ קווייט;
ערשט מיט אַמאָל — פון ווייטן קריכט
אַ וואָרים שטילערהייט.

— דו וואָרים, וואָרים, ווערימל,
וואָס קריכסטו דאָ אַהער?
דו ציסט זיך און דו מאַטערסט זיך,
דיר איז דאָך נעבאַך שווער!...

— איך קריך אַהער — מיר ווילט זיך זען
ווי פרעכטיק איך וועל זיין,
ווען איך וועל אויך, אַ פאַרביקער,
אַרומפליען אין שיין.

— דו רעדסט דאָך, וואָרים, מאָדנע רייד,
מען קען דיך ניט פאַרשטיין!
דו ביסט דאָך אַזאַ מיאוסער —
און איך בין אַזוי שיין...

— איז וואָס? דו ביסט דאָך אויך געווען
אַ וואָרים פונקט ווי איך...

— — — — — — — — — — — — — —

אַוועקגעפלויגן איז פאַרשעמט
דאָס פלאַטערל אויף גיך...

# דער לייב און דער העלפאַנט

אין דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן, אויף אַ ווייטן פּלאַץ, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אייזערנע שטאַנגען, איז אַרומגעגאַנגען, שווער רירנדיק זיין אומגעהייערן קערפּער, דער גרויסער העלפאַנד.

פאַר די שטאַנגען אַרום און אַרום איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם, אַלט און יונג, מענער, פרויען און קינדער. אַלע האָבן זיך געשטופּט צו זען, ווי דער געפאַנגענער ריז מאַכט קונצן.

„טו דיך אַ בוק!“ האָבן זיי צו אים געשריגן.

און דער גרויסער העלפאַנט האָט אומגעוואָרפן מיט זיין לאַנגער נאָז, געשאָקלט דעם שווערן קאָפּ, געדרייט מיט די אויגן, געקלאַפּט מיט די אויערן און געמאַכט זיינע קאָמפּלימענטן מיט זיין ריזן־פוס, די מענטשן האָבן געלאַכט, געפרייט זיך און דערלאַנגט אים שטיקלאַך צוקער און שטיקלאַך ברויט. און דער העלפאַנד פלעגט אַריינוואַרפן די אומגעבעטענע שטיקלאַך אין זיין ווייטן האַלז אַריין און בעטן נאָך, בוקנדיק זיך און ברעכנדיק זיך.

ניט ווייט פון דעם גרויסן פּלאַץ, אויף וועלכן דער העלפאַנד האָט לוסטיק געמאַכט די מענטשן, איז אַרומגעלאָפן דער לייב אין זיין אייזערנער שטייג. און דער לייב איז שטאַרק צעטראָגן געווען: ער האָט דערקאָנט אין דעם העלפאַנד זיין בעסטן גוטן פריינד.

זיי זיינען ביידע אויסגעוואקסן אין איין וואלד און גע־וועזן צוערשט גרויסע שונאים. אָבער אַז זיי האָבן איינער דעם אַנדערן נישט געקאָנט בייקומען, ווייל זיי זיינען ביידע געוועזן גלייך שטאַרק און קלוג, האָבן זיי געמאַכט שלום און זיינען געוואָרן, ווי אַנדערע צוויי. מען האָט זיי שטענדיק נאָר צוזאַמען געזען. איינער אַן דעם אַנדערן האָט קיין שריט ניט געמאַכט, אפילו פון דאַנען אַהער. און דער וואלד האָט גע־זאָגט, אַז די ביידע מיט זייער כוח און מיט זייער שכל וועלן באַהערשן די וועלט.

און איינמאָל זיינען זיי ביידע געפאַנגען געוואָרן. דער מענטש האָט זיי צעשיידט און פאַרפירט אין באַזונדערע לענ־דער. אין אַסך מענאַזשעריען איז שוין דער לייב איבערגעוועזן פאַר דער צייט, אַרומגעפאָרן צוזאַמען מיט העלפאַנדן, אָבער זיין פריינד האָט ער נישט געטראָפן. און איצט, אַז ער האָט אים דערזען, איז אים דער פרייד אויסגעשריי געבליבן שטיין אין האַלז.

„איז עס מעגלאַך, אַז דאָס איז מיין פריינד?“ — האָט ער געטראַכט, — אָט־אָ דער קונצנמאַכער, דער בעטלער, דער פּאַיאַץ?!“

ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף ביידע פאָדערשטע פיס, אָנגעשפאַרט זיך אָן די שטאַנגען און אויסגעברילט זיין פריינדס נאָמען, און געוואָלט האָט ער, אַז ער זאָל אַ טעות האָבן, אַז דאָס זאָל זיין אַן אַנדערער העלפאַנד, ניט זיין פריינד.

אָבער דער העלפאַנד האָט אַ קוק געטאָן אַהין, פון וואַ־

נען זיין נאָמען האָט זיך געלאָזט הערן, און אָפּגעברילט מיט שמחה: „דו?!“ — ער האָט אויך דערקאָנט זיין אַלטן פריינד.

„ביסטו עס טאַקע, מיין פריינד דער העלפאַנד?“ — האָט דער לייב געזאָגט מיט אַ טרויעריק קול — „ווי מיר, וואָס איך זע דיך אַזוי!“

„יאָ“ — האָט אָפּגעזיפצט דער העלפאַנד און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — „ווי אונז, וואָס מיר זעען זיך אַזוי!“

„דו זאָלסט אַזוי טיף פאַלן!“

דער העלפאַנד האָט אָנגעשטעלט אויערן און אויגן.

„וואָס מיינסטו דערמיט?“ האָט ער געפרעגט.

„וואָס זאָל איך דערמיט מיינען? דו, דער גרויסער העלפאַנד, מיין חבר — אַ קונצנמאַכער, אַ פּאַיאַץ, אַ בעטלער, אַ טעלער-לעקער?...“

„אַך, אַזוי מיינסטו עס?“ — ער האָט זיך אַביסל באַליידיקט און איז גלייך געוואָרן שטעכעדיק. „יאָ, מיר האָט מען עפּעס דערציילט וועגן דיר, אַז דו ביסט געוועזן אין אַ צירק, געשפּרונגען דורך רייפן, געטאַנצט אויף פערד, געבראָכן זיך... מיט איין וואָרט — אַ פּאַיאַץ, אַ קונצנמאַכער...“

„דו ליגסט!“ — האָט דער לייב אויסגעברילט, — „איך בין קיינמאָל נישט געווען דאָס, וואָס דו זאָגסט. איך בין געשפּרונגען דורך רייפן, געטאַנצט אויף פערד, אָבער מיט בייטשן האָט מען מיך געטריבן און מיט רעוואָלווערן. איך האָב מיך אָבער נישט דערנידעריקט, נישט געבעטלט קיין ברויט און צוקער און נישט לוסטיק געמאַכט דעם עולם פון

גוטן ווילן. איך האָב מיך אויפגעפירט, ווי אַ לייב, און צו־לעצט האָב איך אָפּגעטרייסלט פון זיך די מורא פאַרן רעוואָל־ווער. דאַן האָט מען מיך פאַרזעצט אַהער אין שטייג. די אייזערנע שטאַנגען זיינען צו שטאַרק פאַר מיר, אָבער די, וואָס האַלטן מיך געפאַנגען, ציטערן פאַר מיר. אַ געפאַנגענער קעניג בין איך, אָבער דאָך אַ קעניג!“

„נאַ,“ — האָט דער העלפאַנד געזאָגט, — „איך דענק אַנדערש. איך זאָג מיר: ביסטו געפאַנגען, זיצסטו הינטער אייזערנע שטאַנגען, וואַרטסטו אויף נדבות, טאָ מאַך־זשע נישט, ברודערקע, קיין קוראַזש.“

„מיאוסער שקלאַף!“ — האָט אויסגעברילט דער לייב, — „דיינע קייטן זיינען פאַר דיר, ווי אָנגעמאָסטן!“

און מיט אַן עקל האָט זיך דער לייב אָפּגעקערט פון זיין אַמאָליקן פריינד, האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און ארויפגעלייגט זיינע גרויסע לאַפּעס אויף זיין קעניגלאַכן קאָפּ.

דוד פינסקי.



# אַ שטיבל

צווישן בערג און צווישן טאָלן,
נאָענט פון אַ בלויען ים,
שטייט אַן איינזאַם שטיבל —
און אַרום פון האָלץ אַ צאַם.

מאַכט זיך אָבער, ווער פאַרבלאָנדזשעט,
פירט אַ סטעזשקע אים אַהין;
בלויע בלימעלאַך ביי די זייטן
און אַרום איז טונקל גרין.

האָט דאָס שטיבל קליינע פענסטער,
און אַן אַלטע גרויע טיר;
שטעלט זיך אָפּ ביי איר דער מידער
און ער טוט אַ קלאַפּ אין טיר:

— עפנט אויף אַ מידן מענטשן, —
רופט ער מיט זיין מידן קול, —
עפנט אויף אַ מידן מענטשן, —
חזר'ט איבער באַרג און טאָל.

עפנט זיך די טיר פאַנאַנדער,
ווייזט זיך באַלד אַ בלאָנדער קאָפּ,
שמייכלט פריינטלאך אים אַנטקעגן,
נעמט פון אים דעם פאַק אַראָפּ.

בלאָנדע לאָקן, רויטע באַקן,
און די אויגן — גאָט, ווי בלוי!
לויפט געשווינד אין שטאַל דערנעבן,
ברענגט פאַר אים אַ בינטל שטרוי.

אַלע ווענט מיט פעל באַצויגן,
דורכן פענסטער רוישט דער ים.
אין אַ ווינקל אויפן אויוון
פלאַקערט אויף אַ רויטער פלאַם.

שטעלט דאָס מיידל צו אַ טעפּל,
מאַכט אַ סעודה פאַר אים גרייט;
אין אַ ווינקל לעבן אויוון,
ליגט די קאַץ צונויפגעדרייט.

קוקט צו אַלץ זיך צו דער מידער,
ווערט אים אויפן האַרצן גוט,
שליסט ער זיינע מידע אויגן,
דרימלט איין אויף אַ מינוט.

ביז דאָס בלאָנדע, גוטע מיידל
ציט זיין ארבל ביי אַ ברעג.
זעצט ער זיך צום טיש געגרייטן,
בענטשט דאָס שטיבל אויפן וועג.

ז. וויינפּער.

# אַן אומזיסטער חשד

## א.

בײדע זײַנען נאָך געווען קינדער. זי, ראָזעלע, צען יאָר, און ער, מאָריס, צוועלף יאָר אַלט. בײדע האָבן געוואוינט אויף איסט בראָדוויי, אַ הויז לעבן אַ הויז. זי מיט אירע עלטערן האָבן פאַרנומען צוויי שטאָק מיט אַ סך פענסטער, ליכט און לופט; ער מיט זײַנע עלטערן האָבן פאַרנומען אַ פינסטערן פײַכטן קעלער מיט אַ סך רויך. איר פאָטער איז געווען אַ רײַכער אַרויפגעאַרבעטער „ריעל עסטייטניק"; זײַן פאָטער — איז אַ שוסטער, אַ לאַטוטניק.

זי האָט אויסגעזען ווי אַ פרישע בלום, געווען פול, רונד און ווײַס, מיט אַ פרײלאַך פּנימ'ל; ער איז געווען דאַר, מיט אַ שפּיציקן גוף און מיט אַ פּנימ'ל בלײַך, לאַנג און אויסגעצויגן.

זיי האָבן בײדע ליב געהאַט מוזיק. זי האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנע און ער האָט געזונגען. האָט זי געשפּילט, איז ער געשטאַנען אונטער די פענסטער פון אירע עלטערנס הויז און זיך צוגעהערט מיט אַ קלאַפּנדיק הערצעלע. האָט ער געזונגען, איז זי געשטאַנען לעבן קעלער, האָט זיך צוגעהערט צו זײַן האַרציקן קול, און איר פרײלאַך פּנימ'ל האָט נאָך פרײלאַכער געשמייכלט.

און איינמאָל, אַז זײַן זיס קול האָט זיך געגאָסן פון דעם טונקעלן שוואַרצן קעלער, איז זי געשטאַנען אין דרויסן מיט

אַן אַפּעלסין אין האַנט און זיך צוגעהערט. מיטאיינמאָל האָט זיך דאָס זינגען איבערגעריסן און פון קעלער איז אַרויס דאָס קליינע זינגערל. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים און אים אַריינגעשפּאַרט דעם אַפּעלסין אין די הענט.

מאָרים איז צעטומלט געוואָרן.

— פאַרוואָס גיסטו דאָס מיר ? — האָט ער געפרעגט.

— ווייל דו זינגסט גוט.

— און דו שפּילסט אויך גוט אויף דער פּיאַנע.

יענעם אָוונט האָט מאָרים געזונגען אַזוי גוט, ווי נאָך קיינמאָל ניט פריער, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ראָזעלע שטייט דאָרטן לעבן קעלער און הערט.

און פון דער צייט אָן זיינען די קינדער גרויסע פריינד געוואָרן.

ב.

איינמאָל האָט ראָזעלע גערופן מאָריסן צו זיך אין שטוב. זי וועט שפּילן, האָט זי געזאָגט, אויף דער פּיאַנע און ער וועט זינגען.

— איך האָב מורא, מען וועט מיך פון דיין שטוב אַרויס־טרייבן, — זאָגט מאָרים.

— ניט אמת, — מאַכט זי מיט זיכערקייט, — זיי וועלן דיך ניט אַרויסטרייבן ! און אין שטוב איז איצט אויך קיינער ניטאָ.

איז ער אַוועק מיט איר.

זי האָט אים אַלע אירע פּרעזענטן געוויזן, וואָס מען האָט איר דאָס פֿאַריקע יאָר צו איר געבורטסטאָג געגעבן. און בלומען האָט זי יענעם טאָג אויך געהאַט פּיל, זייער פּיל פון אירע חבר'טעס, — האָט זי אים דערציילט, — און דעם קומענדיקן פינפטן יאַנואַר איז ווידער איר געבורטסטאָג, וועט זי נייע פּרעזענטן קריגן...

נאָכדעם האָט זי זיך צו דער פּיאַנע געזעצט און אָנגעהויבן שפּילן און ער האָט געזונגען.

אַרויס פון דאָרטן איז מאָריס מיט אַ נייעם געדאַנק. צו איר געבורטסטאָג וועט ער איר שענקען בלומען. ביז דעמאָלט איז מער פון אַ מאָנאַט. ער קריגט פון זיין טאַטן יעדן טאָג אַ פּעני, וועט ער קלייבן.

ווען עס איז געקומען דער פינפטער יאַנואַר, האָט מאָריס געהאַט אָנגעקליבן גאַנצע פינף און דרייסיק סענט. פאַרנאַכט, ווען ער איז געקומען פון שול, איז ער אַוועקגעלאָפן אויף גרענד סטריט און האָט דאָרט פאַר דעם גאַנצן געלט געקויפט אַ בוקעט רויטע בלומען, האָט זיי פאַרזיכטיק באַהאַלטן אויף דער ברוסט אונטער דעם פאַרשפּיליעטן רעקל און איז אַוועק אַהיים.

באַלד איז אַריינגעקומען ראָזעלע און האָט אים אַ רוף געטאָן.

— וואָס?

— קום, וועסטו עפּעס זען.

— ווער איז דאָרטן אין דער היים?

— קיינער ניט... פּאַפּאַ און מאַמע זיינען אַוועק איינקויפן פאַר די געסט. קום, וואָס האָסטו מורא?

ער איז אַוועק מיט איר.

ג.

פירט ראָזעלע אים אַריין אין צימער און ווייזט אים אַלע פּרעזענטן און בלומען, וואָס זי האָט געקראָגן.

אויפן בעטל און אויף אַ שטול ליגן קעסטעלאַך און קאָסטנס מיט פאַרשידענע שפּילצייג, מיט היטעלאַך, מיט מאַנטעלאַך, מיט קליידעלאַך, און בלומען אַסך, זייער אַסך שענערע פון זיינע, רויטע און ווייסע.

שטייט ער מיט אויפגעריסענע אייגעלאַך און מיט אַן אָפן מויל.

— וואַרט, מאַכט זי, — איך האָב דיר נאָך ניט אַלץ געוויזן! אין זאַל זיינען דאָ נאָך פּרעזענטן, וואַרט דאָ, איך וועל זיי אַהער ברענגען.

און זי איז אַרויסגעלאָפן.

מאָרים האָט אַ טאַפּ געטאָן די בלומען ביי אים אויפן ברוסט און האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז זיי וועלן איר אודאי ניט געפעלן ווערן, ווען זי האָט אַזוי פיל שענערע; דאָך איז ביי אים געבליבן, אַז ווען זי וועט צוריק אַריינקומען, זאָל ער איר זיינע בלומען געבן...

פון קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט שטימען. מאָרים האָט זיך אומגעקוקט צעשראָקן.

אין צימער, וואו ער איז געשטאַנען, זיינען פלוצלונג

אַריינגעקומען ראָזועלעס פּאַפּאַ און מאַמע. זיי זיינען געבליבן שטיין פאַרוואונדערט און אָנגעקוקט מאַריסן.

— זע נאַר, וואָס טוט דאָ עפּעס דעם שוסטערס אינגל אַליין אין צימער? צי האָט ער עפּעס ניט צוגעלאַטכנט? — האָט אויסגעשריען ראָזועלעס פאָטער?

— וואָס טוסטו דאָ, אינגעלע? — האָט ראָזועלעס מאַמע אויך געפרעגט.

— גאָרנישט, — האָט מאַרים אַרויסגעמורמלט, אַ צע־שראָקענער, ניט ווייסנדיק וואָס צו ענטפערן.

— זע נאַר, חנה, וואָס האַלט ער עפּעס דאָרט אונטערן רעקל? — האָט זיך ראָזועלעס טאַטע צו אים אַ וואָרף געטאָן.

מאַריסקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די בלומען אונטערן רעקל און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. אָבער יענער האָט אים אָנגעכאַפּט, אַ שלעפּ געטאָן צו זיך און אַ ריס געטאָן מיט אַזאַ רציחה, אַז די קנעפּלאַך זיינען אויף אַלע זייטן אַרונטער־געפאַלן אויפן דיל.

— ווי איז מיר! אַזאַ קליין אינגל און איז שוין אַ גנב!

— האָט ראָזועלעס מאַמע מיט די הענט געבראָכן.

— איך האָב עס געקויפט, — האָט מאַריסקע געכליפּעט,

— איך האָב עס געקויפט.

— וואָס נאָך האָסטו גע'גנב'עט, אינגעלע? — איז צו אים ראָזועלעס מאַמע מיט אַ ווייך קול צוגעגאַנגען, — גיב בעסער אַליין אָוועק!

— גאָרנישט, גאָרנישט, איך בין ניט קיין גנב, — האָט ער געכליפּעט.

— ווייז אַקאָרשט דיינע קעשענעס, חברה־מאַן! — האָט ראָזעלעס טאַטע גענומען אים אַרומזוכן.

דאָ איז אַריינגעקומען ראָזעלע. זי איז געבליבן שטיין מיט צעשראָקענע אויגן.

— איך בין ניט קיין גנב! — האָט זיך אַ פאַרשטיקטער געוויין ביי מאָריסקען אַרויסגעריסן, — פרעגט אַפילו ראָזעלען.

— ראָזעלע, ווער האָט אים אַריינגעלאָזט צו דיר אין צימער? — האָט זיך אַ קער געטאָן צו איר דער פאָטער: — ער האָט דיך באַ'גנב'עט. פון אונטערן רעקל האָב איך ביי אים אַ גאַנצן פּאַק בלומען אַרויסגעשלעפּט.

— ער האָט גע'גנב'עט? — האָט ראָזעלע אַרויסגעשעפּטשעט מיט שרעק, — ער?

און זי האָט מאָריסקען אַזוי אומעטיק אַנגעקוקט, און אין אירע אויגן האָבן טרערן געבלישטשעט.

— ניט אמת! — האָט מאָריסקע מיט געוויין זיך אַ כאַפּ געטאָן, — איך האָב עס געקויפט, איך בין ניט קיין גנב.

— בלומען האָסטו געקויפט? וואָס זאָגסטו אויף דעם קאַפּיטאַליסט? — האָט ראָזעס טאַטע בייז געלאַכט. און ער האָט אויסגעפּאַטשט מאָריסן און אים אַרויסגעטריבן פון שטוב.

מאָרים איז מיט אַ פאַרשטיקט געוויין אַרויס פון ראָזעלעס הויז, איז אַריין אין פאַררויכערטן קעלער און איז פאַרשוואונדן הינטער דער שוואַרצער טיר.

ל. קאַברין.

# דער יונגער פישער

עס ווערט נאַכט, עס באַווייזן זיך שטערן,
די ווערבעס ביים ברעג דרימלען איין;
און אַ אינגעלע שטייט מיט אַ ווענטקע,
און קוקט אין וואַסער אַריין.

די אייגעלאַך פינטלען כסדר,
די ליפּן די קליינע פאַרמאַכט;
אפשר וואַרט ער אַ גאָלדענעם פישל
און מערקט ניט, ווי גיך עס ווערט נאַכט.

צום ברעג שווימט אַ ראָזעווע כוואַליע
און גנב׳עט צום אינגל זיך צו,
שווענקט אָפּ זיינע באָרוועסע פיסלאַך
און לאָזט אים גלייך ווידער צורו.

קוים קלינגען פון וויטן די גלאָקן,
זיי וויגן אַליין זיך שוין איין.
און אַ אינגעלע שטייט מיט אַ ווענטקע
און קוקט אַלץ אין וואַסער אַריין.

ז. סעגאַלאָוויטש.

# דער טרוימער

אין דעם מדבר איז אַמאָל געקומען אַ מאַן אין אַ גרויסער שטאָט אַריין. ער איז געווען אַ טרוימער, און ער האָט גאָרניט געהאַט אויסער זיין מאַנטל און אַ שטעקן.

און ווי ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן, האָט ער געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף די טעמפּלען, טורעמס און פּאַלאַצן, ווייל די שטאָט איז געווען זעלטן שיין, און ער האָט יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט פאַרבייגייער, און גערעדט צו זיי, און זיי אויסגעפרעגט וועגן דער שטאָט. נאָר זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען זיין שפּראַך, און ער האָט ניט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך.

אַרום מיטאָג-צייט איז ער שטיין געבליבן פאַר אַ גרויסן גאַסט-הויז. עס איז געווען געבויט פון געלן מירמלשטיין, און מענטשן זיינען פריי און אומגעשטערט אַריינגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען.

— דאָס מוז זיין אַ טעמפּל, — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, און איז אויך אַריינגעגאַנגען.

ווי איבערראַשט איז ער אָבער געוואָרן, ווען ער האָט דערזען אינעווייניק אַ וואונדערבאַרן, גרויסן זאַל, און מענטשן — מענער און פרויען — זיצן אַרום טישלאַך, עסן און טרינקען און הערן זיך צו צו דער מוזיק.

— ניין, — האָט דער טרוימער געזאָגט, — זיי טוען ניט תּפֿילה. דאָס מוז זיין אַ סעודה, וואָס דער פּרינץ האָט זיכער געמאַכט פֿאַרן פֿאָלק, פֿייערנדיק אַ גרויסע געשעעניש.

אין דער רגע איז צו אים צוגעגאַנגען אַ מאַן און האָט אים געלאַדן, ער זאָל זיך זעצן.

— דאָס איז זיכער אַ שקלאַף פֿונם פּריץ, — האָט דער טרוימער געטראַכט.

און מען האָט פֿאַר אים סערווירט פֿלייש און וויין און זיסע שפּייזן.

ווען ער האָט זיך אָנגעזעטיקט, האָט דער טרוימער זיך אויפֿגעהויבן און געוואָלט אַוועקגיין.

ביי דער טיר, האָט אים אָפּגעשטעלט אַ מאַן. ער איז געווען הויך און געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאַראַדנעם מונדיר.

— דאָס איז זיכער דער פּרינץ אַליין, — האָט דער טרוימער געטראַכט ביי זיך, און ער האָט זיך געבוקט פֿאַר אים און אים געדאַנקט.

נאָכדעם האָט דער מאַן צו אים געזאָגט אין דער שפּראַך פֿון יענער שטאָט:

— הער, איר האָט ניט באַצאָלט פֿאַרן מאָלצייט.

און דער טרוימער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, און ער האָט אים נאָכאַמאָל האַרציק געדאַנקט. דאַן האָט דער הויכער מאַן זיך בעסער צוגעקוקט צום טרוימער, און ער האָט געזען, אַז דאָס איז אַ פֿרעמדער, איינגעהילט אין אַן אָרימען מאַנטל. און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער פֿרעמדער האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן פֿאַר דעם מאָלצייט, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן

אַ האַנט אָן אַ האַנט און געדופן — און עס זיינען צוגעקומען פיר וואַכלייט. און ווען זיי האָבן אויסגעהערט דעם הויכן מאַן, האָבן זיי גענומען דעם טרוימער צווישן זיך, און זיי זיינען געווען צוויי אין איין זייט און צוויי אין דער צווייטער זייט פון אים. און דער טרוימער האָט באַטראַכט זייערע מונדירן און שטעלונג און ער האָט געקוקט אויף זיי מיט פרייד.

— דאָס זיינען הויכע באַאַמטע, — האָט דער טרוימער זיך געטראַכט.

און זיי זיינען געגאַנגען אַזוי צוזאַמען, ביז זיי זיינען געקומען צום געריכטהויז, און אַהין אריינגעגאַנגען.

דאַן האָבן די וואַכלייט איבערגעגעבן דעם ריכטער די באַשולדיקונגען קעגן טרוימער; און דער ריכטער האָט אויסגעקליבן צוויי אַדוואָקאַטן, איינער זאָל פאַרברענגען די קלאַגע און דער צווייטער זאָל באַשיצן דעם פרעמדן. און די אַדוואָקאַטן האָבן זיך אויפגעהויבן איינער נאָכן צווייטן, און יעדערער האָט פאָרגעבראַכט די טענות. און דער טרוימער האָט ביי זיך געטראַכט:

„דאָס באַגריסט מען אים און מען נעמט אים אויף".

און דער ריכטער האָט ארויסגעגעבן אַ פּסק, אַז אויף אַ טאָוול זאָל אָנגעשריבן ווערן דאָס פאַרברעכן פון דעם פרעמדן און מען זאָל דאָס אים אויפהענגען אויפן האַלז, און מען זאָל אים לאָזן רייטן אויף אַ פערד דורך די גאַסן פון דער שטאָט, און אַ טרומייטער און אַ פויקער זאָלן גיין פאָראויס.

זיינען די איינוואוינער פון שטאָט זיך צונויפגעלאָפן, און זיי האָבן געלאַכט פון אים, און גאַנצע חברות קינדער זיינען נאָך אים נאָכגעלאָפן פון גאַס צו גאַס. און דעם טרוימערס האַרץ איז געווען איבערגעפולט מיט פרייד, וואָרים פאַר אים איז דער טאָוול געווען דער צייכן פון קיניגס ברכה, און די פּראָצעסיע — פון אָפּגעבן אים כבוד.

ווי ער איז אַזוי געריטן, האָט ער דערזען צווישן עולם אַ מאַן, וואָס איז געקומען פון דעם מדבר, ווי ער אַליין. ער האָט זיך זייער דערפרייט און אויסגעשריען צו יענעם:

— פריינד! פריינד! וואו זיינען מיר? איז דאָס ניט אַ שטאָט נאָך וועלכער דאָס האַרץ באַגערט? סאַראַ גאַסט־פריינדלאַכע באַלאַבאַטים! — זיי מאַכן אין זייערע פּאַלאַצן סעודות פאַר דעם פאַרבייגייער; זייערע פרינצן באַגלייטן אים; זייער קיניג הענגט אָן אָן אויסצייכענונג אויף זיין ברוסט און עפנט אויף פאַר אים די גאַסטפריינדלאַכקייט פון אַ הימלישער שטאָט!

דער מאַן, וועמען ער האָט באַגעגנט, וואָס איז אויך געווען פון דער וויסטעניש, האָט ניט געענטפערט. ער האָט נאָר געשמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. און די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן ווייטער, און דער טרוימער האָט געהאַלטן הויך זיין קאָפּ און פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעלויכטן אַ לויטערע פרייד.

קאליל גיבראן.

# אַ מעשה מיט אַ קו

יצחק משה יאָסלם
האָט אַ קו געקויפט;
בענקט די קו צום דערפל —
נעמט זי און אַנטלויפט.

מאַכט רב יצחק קולות —
ווערט אַ ווילד געלויף;
איז די גרעבלע זאַמדיק
הייבט אַ שטויב זיך אויף;

וויקלט ער דאָס שטעטל,
דאַכט זיך, אַז ס'אַ רויך;
טרובען די „פּאָזשאַרנעס“
מיטן גאַנצן כּוח.

נעמען אידן שרייען:
ראַטעוועט, סע ברענט!
און די ווייבער קוויטשען,
ברעכן מיט די הענט.

שלעפּט שוין ווער אַ קופּערט
פון זיין הויז אַרויס,
איינער כאַפּט אַ תורה
פון דער אַלטער קלויז.

און דעם עק פאַריסן
לויפט די קו און לויפט;
יצחק משה יאָסלם
האָט אַ קו געקויפט;

ז. וויינפער.

# דער משכון

אין אַ שטאָט האָבן געוואוינט צוויי גוטע פריינד — מיראָם און קלעאָן. זיי האָבן זיך צוזאַמען אויפגעהאָדעוועט, צוזאַמען געלערנט און שפּעטער צוזאַמען אַרויסגעפאָרן איבער דער וועלט. איצט האָבן זיך ביידע באַזעצט אין איין און דערזעלבער שטאָט.

מיראָם האָט געהאַט אַ פּיינד, וואָס איז אויף אים געווען אין כעס. גייט דער פּיינד און פאַר'מסר'ט אים פאַר דעם קעניג אין שטאָט. האָט דער קעניג פאַר'משפּט מיראָמן צום טויט דורך אויפהענגען.

זאָגט מיראָם צום קעניג:

— איך בין אומשולדיק, נאָר דו גלייבסט מיר ניט; בין איך גרייט צו שטאַרבן. איין זאַך נאָר וויל איך ביי דיר בעטן: לאָז מיך אָפּ אויף דריי טעג, איך זאָל קאָנען גיין אין מיין געבורטשטאָט און זעגענען זיך מיט מיינע עלטערן.

— און ווער קאָן מיר ערב זיין, אַז דו וועסט האַלטן וואָרט? — האָט דער קעניג מיט אַ געלעכטער געפרעגט.

— איך וועל בעטן מיין פריינד קלעאָן, וועט ער פאַר מיר אַ משכון זיין, — האָט מיראָם געענטפערט.

דער הערשער האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט מיט אַ כיטרען שמייכל:

— רעכט, איך לאָז דיך אָפּ אויף דריי טעג. נאָר אויב דו וועסט צו דער צייט ניט קומען צוריק אַהער, וועל איך דיין פריינד טייטן אַנשטאָט דיך.

איז מיראָס אַוועק צו זיין פריינד און האָט געזאָגט:

— מען האָט מיך פאַר׳משפּט צום טויט. איך וויל אָבער גיין אין מיין געבורטשטאָט נאָכאַמאָל זען זיך מיט מיינע על־טערן. בעט איך דיך, דו זאָלסט זיך לאָזן נעמען אין טורמע פאַר אַן ערב, אַז איך וועל זיך צו דער צייט צוריקקערן.

— מיט פאַרגעניגן, — האָט קלעאָן איינגעשטימט. ער האָט ארומגענומען מיראָס׳ן, געזעגנט זיך מיט אים און גע־לאָזט זיך פאַרשמידן אין קייטן און פאַרזעצן אין טורמע.

מיראָס איז גלייך אַוועקגעגאַנגען אין זיין געבורטשטאָט. זיינע עלטערן האָבן זיך זייער דערפרייט מיט אים. ער האָט פאַרבראַכט מיט זיי צוויי טעג און אויפן דריטן טאָג האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט זיי און געזאָגט, אַז ער וועט זיי שוין איצט מסתמא לאַנג ניט זען. די מוטער האָט געוויינט, ווען זי האָט זיך געזעגנט מיט אים, און דער פאָטער האָט אים אַרויס־באַגלייט פון שטאָט.

פּלוצלונג האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער שטורעם. עס האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן. ס׳האָט אַ שמיץ געטאָן אַ רעגן. פון די בערג האָבן זיך אַ לאָז געטאָן שטראָמען וואַסער; דער טייך, וואָס האָט געפליסט איבערן וועג, איז פול געוואָרן און זיך פאַנאַנדערגעגאָסן. דאָס וואַסער האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און האָט אַראָפּגעטראָגן די בריק.

מיראָם איז צוגעקומען צום ברעג — ערשט דער טייך האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט זיך געוואָרפן אהער, אהין, געזוכט אַן אָרט, וואו מען קאָן אַריבערגיין דעם טייך, גערופן צו הילף; נאָר אַלץ איז געווען אומזיסט. און קיין שיפל האָט זיך אויך ערגעץ ניט געזען. און דער טייך האָט גערוישט און געשטורעמט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

אין גרוים פאַרצווייפלונג האָט זיך מיראָם אַריינגעוואָרפן אין וואַסער און אָנגעהויבן שווימען; מיט אַלע כוחות ראַנג-לענדיק זיך מיטן שטורעמדיקן טייך. און אים איז געלונגען צו דערגרייכן דעם צווייטן ברעג.

ער האָט אַ ווײַלע אָפּגערוט און איז אַוועקגעגאַנגען ווײַ-טער.

ווען ער איז אָפּגעגאַנגען עטלאַכע טריט, זײַנען אים אַנט-קעגן אָנגעקומען גזלנים און אים געוואָלט טייטן.

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר? — האָט מיראָם אויס-געשריען, — איך האָב גאָרנישט. מער ווי דאָס לעבן האָב איך נישט, דאַרף איך עס, כדי צו ראַטעווען מײַן פֿרײַנד פון טויט. האָט רחמנות אויף מײַן חבר!

האָבן זיך די גזלנים פאַרשעמט און זײַנען אָפּגעטראָטן, און מיראָם איז אַוועק זײַן וועג. ער איז געגאַנגען געשווינט. די זון האָט אים געברענט מיט שרעקלאַכער היץ; די לופט איז געווען שטיקנד; עס איז אין ערגעץ ניט געווען קיין שאָטן, און מיראָם איז געבליבן אָן כוחות. ער איז געפאַלן און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד.

פלוצלונג האָט ער דערהערט, ווי אַ וואַסער פּליסט ניט ווייט פון אים. ער איז קוים דערקראָכן צום נאָענטן בערגל און האָט דאָרט געפונען אַ זילבער־קלאָרן קוואַל, וואָס האָט גע־שלאָגן פון דער ערד. ער האָט זיך אָנגעטרונקען, אָפּגעפרישט די כוחות און געשווינט אַוועק ווייטער.

פון דיביימער האָבן זיך אָנגעהויבן צו לייגן אויף די לאַנ־קעס אַלץ לענגערע שאָטנס.

צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן זיינען געגאַנגען איבערן וועג. מיראָס האָט זיי אָנגעיאָגט. פלוצלונג דערהערט ער, ווי איינער פון זיי זאָגט צום אַנדערן:

— איצט מוז מען אים שוין אודאי הענגען.

פון שרעק, אַז זיין פריינד קאָן נאָך אומקומען, זיינען אַזוי ווי פליגלען אויסגעוואַקסן אויף מיראָס פיס...

און אָט איז ער שוין אין שטאָט. די שפּיצן פון די שטאָ־טישע טורמעס זיינען שוין געווען באַגולט מיט די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון. אַנטקעגן מיראָסן איז אַרויס דער פאַרוואַלטער פון זיין פריינדס הויז.

— צוריק! — האָט ער געשריען צו מיראָסן, לויפנדיק אים אַנטקעגן, — דו האָסט שוין סאַי ווי פאַרשפּעטיקט. אַנט־לויף! טראַכט נאָר וועגן דיין אייגענער רעטונג. ער האָט גע־האָפט פון שעה אויף שעה, האָט אַלץ געוואַרט און ניט גע־גלויבט, אַז דו וועסט פאַרשפּעטיקן. מען האָט פון אים גע־לאַכט; מען האָט פאַרזיכערט, אַז דו ביסט אַ ליגנער, אַ פאַל־שער, אַ פאַררעטער. אָבער קיינער האָט ניט געקאָנט צע־שטערן זיין האָפענונג.

— אָ, אויב ס׳איז שפעט, — האָט מיראָם געזאָגט, — אויב מיין קומען קאָן שוין אים ניט ראַטעווען, וויל איך לפּחות מיט אים אינאיינעם שטאַרבן.

און ער האָט זיך געלאָזט לויפן.

די זון איז דערווייל שוין אַרונטער. פון ווייטן האָט מיראָם שוין דערזען די תליה, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן שטאָט־פּלאַץ, און דער עולם, וואָס האָט געדרודערט אַרום. ער האָט אויך דערזען, ווי מען פירט זיין פריינד און ווי מען הייבט אים מיט אַ שטריק אויף דער תליה.

מיראָם האָט זיך געמאַכט אַ וועג צווישן עולם און אָנגעהויבן שרייען:

— האַלט! הענגט ניט! אָט בין איך דאָ!

דער עולם האָט אַ ציטער געטאָן. און אין אַ ווײַלע אַרום זיינען די פריינד איינער דעם צווייטן געפאַלן אויפן האַלז און געוויינט פאַר פרייד.

דאָס גאַנצע פאָלק האָט צוזאַמען מיט זיי געוויינט.

און דאָס האַרץ פונם קעניג איז אויך ווייך געוואָרן. ער האָט געהייסן ברענגען פאַר זיך ביידע פריינד און געזאָגט:

— איר וועט ביידע בלייבן לעבן. איצט זע איך, אַז ס׳איז דאָ פריינטשאַפט און אַז ס׳איז דאָ ערלאַכקייט. איך בין זיכער, מיראָם, אַז דו ביסט אומשולדיק. און איר ביידע לאָזט מיך אויך ווערן אייער פריינד און געניסן פון אייער פריינטשאַפט און געטרייקייט.

פּ. שילער.

## א געשלעג

אין אָוונט האָבן אינגלאַך פאַרשלעפּט אויף אַ ליידיקן „לאָט“ אַן אַלטן מאַטראַץ, אים אונטערגעצונדן, זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה און געשפּרונגען איבערן פייער. דאָס פייער איז געוואָרן אַלץ גרעסער, זיך פאַרגאַנגען פון פייכטן מאַטראַץ מיט אַ געדיכטן רויך, געקנאַקט, אָפּגעגאָסן די אינגלאַך מיט אַ קופּערנעם שיין. די אינגלאַך האָבן געטאַנצט פון פרייד און געצייגט מיט די פינגער אויף די פייערדיקע שפּיצן:

— אָבער איצט, ווער וועט איצט אַריבערשפּרינגען?

— איך! —האָט אַ אינגל זיך אַרויסגערוקט, געמאַכט אויף צוריק עטלאַכע טריט, זיך אַ לאָז געטאָן. האָט דער פלאַם אים אַ שפּאַר געטאָן אין פּנים אַריין און אים צוריקגעהאַלטן.

— שפּרינג בעסער ניט! — האָבן אים עטלאַכע אינגלאַך אָפּגערעדט, — די הויזן וועלן זיך ביי דיר אָנכאַפּן!

— דאַג'עט ניט פאַר מיינע הויזן! — איז ס'אינגל געוואָרן נאָך איינגעשפּאַרטער, ווען די חברה האָבן זיך אָנגעהויבן וויצלען.

ער האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרמעסטן, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז אָט שפּרינגט ער, און וואָס לענגער דאָס

פאַרמעסטן זיך האָט געדויערט, אַלץ שווערער איז ביי אים געוואָרן דער מוט און ער איז געבליבן שטיין אויפן זעלבן פלאַץ.

— איר ווייסט? — האָט איינער אַן עצה געגעבן, — אַז מ׳טוט זיך אָן אין נאַסע שמאַטעס, קען מען דורכגיין ס׳גרעסטע פייער.

— און ס׳שאַדט ניט?

— ער איז גערעכט! — האָט זיך אַ דריטער אָנגערופן, — כ׳האָב אַליין געזען, ווי אַ פייערלעשער האָט אויפן פּנים זיך ארויפגעוואָרפן אַ נאַסע שמאַטע און ער איז אַריין אין פייער. דאָס פייער האָט אַזוי געפלאַקערט, אַז מענטשן האָבן אַ בלאָק פון דערווייטנס ניט געקענט איינשטיין!

צוויי אינגלאַך האָבן געבראַכט אַ שטיין, אים צוגעטראָגן צום פייער, אויפגעהויבן, מיטן גאַנצן כּוח אים אַ שליידער געטאָן אין ברענענדיקן מאַטראַץ. טויזנטער פונקען האָבן זיך אַ שאָט געטאָן, געפאַלן אין דער נאַכט, ווי שטערן. די אינגלאַך האָבן זיך געשאָטן אין אַלע זייטן, געכאַפּט מיט די הענט די פונקען. דאָס פייער האָט זיך אַ הייב געטאָן, אויסגעוואַקסן, ווי אַ זייל און אַרום דעם זייל האָבן צעגליטע צינגלאַך געלעקט דאָס ניט דערברענטע שטרוי.

דאָס אינגל, וואָס האָט אַן עצה געגעבן מע זאָל זיך אָנטאָן אַן נאַסע שמאַטע, האָט ערגעץ־וואו אויפגעזוכט אַן אַלט קלייד, עס איינגעטונקט אין וואַסער, זיך איינגעהילט אין דעם פון קאָפּ ביז איבער די פיס, און איידער אימיצער האָט זיך געכאַפּט, איז ער שוין געווען אין פייער.

עס איז געוואָרן מיט אַמאָל שטיל. די אינגלאַך זיינען געבליבן שטיין אָן אָטעם, געזען, ווי די פלעמלאַך הילן זיך אַרום דעם קלייד, זיינען זיי זיכער געוואָרן, אַז דאָס אינגל ברענט. אינסטינקטיוו האָט יעדערער געכאַפּט וואָס ס'איז אים געקומען אין דער האַנט אַריין, און גענומען לעשן דאָס פייער. דאָס אינגל איז דערווייל אַרויס, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס קלייד, וואָס האָט זיך געסמאַליעט און אַלץ אין אים האָט געשריען: „בין איך ניט קיין בריה?"

אַלע האָבן אים ארומגערינגלט, באַוואונדערט, און איינער האָט אַ פרעג געטאָן:

— עס האָט דיך דעמאָלט ניט געבריט?

אַ מאַמע איז אויסגעוואַקסן אויפן „לאַט", גענומען רופן איר זונדל. די אינגלאַך האָבן זיך דערמאָנט, אַז ס'איז צייט צו גיין שלאָפן און איינציקווייז גענומען פאַרשווינדן.

דער מאַטראַץ האָט געברענט. עס איז געוואָרן אַלץ פינ־סטערער. די שמחה איז מיטאַמאָל ווי פאַרשטערט געוואָרן. די איבערגעבליבענע אינגלאַך האָבן זיך געזעצט אויף אַ שטיין, געקוקט ווי דאָס פייער ווערט אַלץ קלענער און גע־שוויגן.

— איר ווייסט, — האָט זיך איינער אָנגערופן, — אינ־דיאַנער, אַז זיי כאַפּן אַ ווייסן, צעלייגן זיי אַ פייער און בראָטן אים אָפּ.

זיי זיינען ניט קיין קריסטן, — האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופן.

— אידן זיינען אויך ניט קיין קריסטן, — האָט אַ דריי־טער אריינגעוואָרפן.

— איך בין אַ איד, — האָט דאָס אינגל, וואָס איז דורכ־געגאַנגען ס׳פייער, זיך אָנגערופן און זיך איבערגעזעצט פון איין שטיין אויפן צווייטן.

— „שאַראַפּ, שיני!“ — האָט זיך אַ גרעסער שייגעצל, וואָס האָט ביז איצט געשוויגן, זיך אָפּגערופן.

— „אַי, וואַי, מאַי בעקי!“

— אַזוי רעדן אידן!

— שאַראַפּ אַליין!

— ווילסט זיך „פייטן“?

— און דו מיינסט, איך האָב מורא פאַר דיר, דו?

— „קאַם אָן!“ — האָט דער שייגעץ אַראָפּגעוואָרפן ס׳רעקל.

— „אָל רייט!“

זיי זיינען ביידע אָפּגעשפּרונגען איינער פון צווייטן, געשטאַנען ווי צוויי העהנער און זיך פאַרמאָסטן. די איבע־דיקע אינגלאַך האָבן זיי אַרומגערינגלט, געגעבן עצות, גע־רייצט דעם שייגעץ ער זאָל זיך אָפּרעכענען און מיט אומ־געדולד געוואָרט דער „פייט“ זאָל זיך אָנהייבן. די שלעגערס האָבן געטשאַטעוועט, שטייענדיק אויף אַן אָרט, אַרויסגע־שטעקט די הענט. אייב, דאָס אידישע אינגל, האָט זיך מיט אַמאָל אַ בייג געטאָן, מיט איין צי פון קערפּער געשטאַנען ביים שייגעץ און אים פאַרפאָרן אונטער דער גאָמבע, אַז יע־נער האָט אַזש געמאַכט עטלאַכע טריט אויף צוריק. זיי זיי־

נען געשפרונגען איינער אַנטקעגן צווייטן, און וואָס אַ פויסטל האָט זיך פאַרמאָסטן אין אַ פּנים אַריין, האָט עס תּמיד גע־טראָפן אין אַ ליידיקן פּלאַץ. אייב האָט זיך געטשאַטעוועט דעם צווייטן אונטערן האַרצן, האָט יענער זיך אַ בייג געטאָן, געוואָלט אויסמיידן דעם קלאַפּ — איז ער אים פאַרפאָרן אין אַן אויג. דער שייגעץ איז עטוואָס צעטומלט געוואָרן, גע־זשמורעט מיט די אויגן, האָט אייב געהאַלטן אין איין האַמערן מיט די פויסטלאַך, וואו ער האָט נאָר געטראָפן. אַ שייגעץ האָט אייבין אונטערגעשטעלט אַ פוס, האָט ער זיך אַ צי אוים געטאָן און ווען אייב האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, האָט מען אים ניט געלאָזט, צוריק אַ שליידער געטאָן אָן דר׳ערד, זיך אַרומגענומען אין אַ ראָד, געטאַנצט, געשריען:

— „אַי, וואַי, מאַי!“

— אַלע אויף איינעם? — איז אונטערגעלאָפן אַ יונג, וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם „לאָט“ — שעמען מעגט איר זיך, „יו רעסקעלז!“

— איך בין גרייט צו „פייטן“ יעדן איינעם פון זיי! — איז אייב אויפגעשפרונגען, זיך אָפּגעשאָקלט פון די קלעפּ און ס׳האָט אים פאַרדראָסן, וואָס די שקאָצים צעלויפן זיך.

י. אָפּאַטאָשו.

# חנה׳לע

שטייען ביים טייכל פאַר׳חלומ׳ט
ביימער באַגאָסן מיט שיין.
חנה׳לע זיצט לעבן טייכל,
קוקט אינם וואַסער אַריין.

ערגעץ צעזינגט זיך אַ פויגל —
חנה׳לע חלומט און טראַכט;
נאָר אירע אייגעלאַך פינקלען,
שיינען ווי שטערן ביינאַכט.

חנה׳לע ווייס, אַז דער פויגל
זינגט דאָס זיין לידל פאַר איר —
זיצט זי אַ שטילע ביים טייכל,
גיט זיך פון אָרט ניט אַ ריר.

לאַנג שוין דער פויגל אַנטשוויגן,
חנה׳לע הערט זיך נאָר איין...
דרימלט דאָס וואַסער אין טייכל,
דרימלען די ביימער אין שיין.

נחום י.

## איז געווען אַ קליינע שיף

„איז געווען אַ קליינע שיף,
האָט זי שווימען נישט געוואָלט.“

און דער קאָרפּוס פון דער קליינער שיף איז געווען דער שענסטער אויף דער וועלט. אין אַ צאַרטער גרינער פאַרב, פריש אָפּגעפאַרבט, האָט ער זיך גע־שפּילט אויף דער זון. די קליינע שיף האָט זיך גראַנדיעז געוויגט אויפן וואַ־סער, פונקט ווי עס וויגן זיך די כוואַליעס. און געהאַט האָט זי דריי ווייסע זעגלען, ווי פליגלען, וואָס האָבן זיך פאַנאַנ־דערגעלאָזן צום פליען.

נאָר אָט זיינען שוין אַריבער צוויי חדשים זינט מע האָט זי אָפּגעשפּרענקלט מיט הייליק וואַסער, ווי עס געהער צו זיין, מיט אַלע צערעמאָניעס, און איר טויף־פאָטער מיט דער טויף־מוטער האָבן געוואָרפן שיינע צוקערקעס, ווייסע און רויטע, פאַר די קליינע חברה פון דאָרף — אַלץ לכבוד דער נייער טויף־טאָכטער!...

פאַרוואָס־זשע האָט די שיף נישט געוואָלט שווימען?

אַך! ביי דעם געדאַנק צו פאַרלאָזן דעם אייגענעם האַפן, אַזאַ רואיקן, און אַוועקלאָזן זיך אין דער אומענדלאַכקייט, אין אומבאַקאַנטע וויטן, פלעגט איר שטענדיק אָנכאַפּן אַ שרעק; אַזאַ גרויסע, אַז ביי יעדער פּראָבע פון

די מאַטראַזן אָפּצופּאָרן, פלעגט זי זיך ענערגיש אָפּזאָגן צו פאָלגן זיי בעת די מאַנעווורעס.

אַמאָל פלעגן די בלאָקן סקריפּן, סקריפּן און נישט זיין אימשטאַנד אויפצוהייבן די זעגלען; דאָ איז דער אַנקער אַזוי איינגעגראָבן אין דער ערד, אַז מען קען אים נישט אַרויס־שלעפּן, און אָט גיט זיך גאָר דער מאַסט נישט אונטער, כאָטש מען ציט די שטריק מיט אַלע כוחות...

נישט פאַר די ים־חזירים און נישט פאַר די ים־הינט האָט מורא געהאַט דאָס קליינע שיפל, ניין! נאָר מורא האָט זי געהאַט פאַר די גרויסע שטורעמס, ווען איר וואָלט אוים־געקומען צו זיין אַליין אויף דעם ברייטן ים. זי איז דאָך אַ דינער נים־שאָלעכץ, וואָס וויגט זיך אויף די בייזע כוואַ־ליעס, און זיי קענען זי צעברעכן, ווי אַ צאַרט שוואַכינק שפּי־לעכל. און די ים־לייט פון האַפן האָבן זיך שוין צוגעוואוינט דערצו, וואָס זי בלייבט אין האַפן, אויף איר געוויינטלאַכן אָרט, אין דער צייט, ווען די איבעריקע אָקרעגטלאַך פאָרן אַוועק אַלע אינדערפרי, פאַנגען פיש און פאַרשווינדן איינער נאָך דעם אַנדערן אַזוי ווי די ווייסע מעוועס אין הימל. אין האַפן האָט מען זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס מען פלעגט קינ־דער אָנווייזן אויף איר, ווי אויף אַ מיאוסן ביישפּיל, פון פוילקייט.

— זעט איר, — פלעגט מען זאָגן צו פוילע תלמידים, — איר זייט ענלאַך אויף דער קליינער שיף, וואָס ווייס גאָרנישט, ווייל זי וויל נישט אַרבעטן, זי וויל נישט שווימען, ווי אירע חבר׳טעס. האָט אויף איר רחמנות, נאָר לערנט זיך פון איר

נישט אָפּ, ווייל מען וועט שטענדיק קוקן אויף אייך ווי אויף אומנוצלאַכע און אומגליקלאַכע עם־הארצים.

און מיינט נישט, אַז „די קליינע שיף“ איז געווען גליקלאַך, כאָטש זי האָט געלעבט אַזוי רואיק. אָפּטמאָל פלעגט איר זיין אַזוי לאַנגווייליק, און איר פלעגט פאַרדריסן, וואָס איר לעבן איז אַזוי איינאַרטיק. באַזונדערס שטאַרק, פלעגט זי עס פילן, ווען אַנדערע שיפן, אירע חבר׳טעס, פלעגן צוריקקומען אין אָוונט און אויסדערציילן וואָס זיי האָבן געזען אין אַלע זייערע נסיעות. —

— ווען דו וואָלסט געוואוסט, — האָט איינע דערציילט, — ווי דער ים איז היינט שיין געווען און זיין ברייטקייט; די פיש האָבן אויסגעזען ווי אָנגעטאָן אין זילבער, און זיי זיינען געשוואומען אויבנאויף, כאָטש נעם כאַפּ זיי מיט די הענט.

— און איך, איך, — האָט דערציילט אַ צווייטע, — איך האָב געזען אַ וואונדערלאַכע גרויסע שיף מיט דריי גרויסע שטאָלצע מאַסטן, אַזאַ שיף...

— יאָ, יאָ, — האָבן אונטערגעכאַפּט אַלע שיפן אינאיינעם, — מיר זעען זייער שיינע זאַכן... וועלכע דו, „קליין אָקרענטל“, וועסט קיינמאָל נישט זען, אויב דו ווילסט נישט שווימען. אמת, עס טרעפן זיך ביי אונז שרעקלאַכע טעג, און מיר דאַרפן מלחמה האַלטן מיט די בייזע שטורעמס; דערפאַר אָבער ווי שטאָלץ זיינען מיר דערנאָך, ווען מיר באַזיגן דעם שטורעם, און ברענגען צוריק אין האַפן אַלע אונזערע אומגליקלאַכע מאַטראָזן!...

ווען דאָס שיפל פלעגט הערן די מעשות, פלעגט עס ציטערן פאַר נייגעריקייט, און זיין קאָרפּוס פלעגט זיך אָנהייבן צו באַוועגן, ווי די שיף וואָלט אָנהייבן אַוועקשווימען. אָבער ווי נאָר די זעגלען פלעגן אָנהייבן רוישן שטאַרקער, ווי געוויינטלאַך, פלעגט אויף איר אָרויפפאַלן אַ גרויסע מורא.

איינמאָל האָט זיך אין אָוונט אויפגעהויבן אַ שרעקלאַכער שטורעם. דער הימל איז געווען אַ פינסטערער און אַ דראָענדיקער, און דער ים האָט זיך צעבושעוועט. גרויסע כוואַליעס, ווייסע פון שוים, האָבן זיך געוואָרפן מיט כוח אויפן זאַמדיקן ברעג; און דאָרטן, אויפן ברייטן אָקעאַן, האָבן די שיפלאַך פון די פישער זיך געדרייט אין לעצטן טאַנץ!

די פרויען און די „זיידעס" פון האַפן האָבן זיך צונויפגעקליבן אויף דער דאַמבע און מיט אַנגסט געוואַרט אויפן היימקערן פון די מאַטראָזן. און די קליינע שיף האָט געהערט מיט אימה די דונערן, וואָס האָבן געקנאַלט אָן אויפהער, און דעם גערויש פון די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן אַרום דער שיף, און האָבן געלאָזט הערן אַ גראַנדיעזן קאָנצערט.

ווען ניט ווען פלעגט זיך באַווייזן אַ ווייס פינטל אויפן האָריזאָנט, וואָס האָט זיך געוויגט צווישן הימל און וואַסער. מען באַמערקט נישט, ניט קיין קאָרפּוס, ניט קיין מאַסט, ניט קיין זעגלען; נאָר די הערצער פון די ווייבער, מאַמעס און כלות ווערן פול מיט האָפענונג, זיי שטעכן דורך דעם אָן-סוף

מיט אויגן גרויסע פון שרעק, דערוואַרטונג און האָפענונג...
נאָר מיט אַמאָל רייסט זיך אַרויס אַ געשריי, אַ לאַנגער געשריי פון אַנגסט. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון די צונויפגעדריקטע הערצער פון די וואָס וואַרטן אויף די נאָענטע.

— אַ שיף טרינקט זיך! אָט בייגט זי זיך איין!

— בראַווע לייט, אַ שיפל אויפן ים! — זאָגט אַן אַלטער מאַטראָס, — פאָרויס, מיינע בראַווע לייט! לאָמיר ראַטעווען אונזערע חברים!

— מיין גאָט, ס'איז לייכט צו זאָגן, — ענטפערט אַ צווייטער, — אָבער אַ.שיפל! דו ווייסט דאָך גוט, איוואַן, אַז מיר האָבן דאָ קיין איינע נישט, עס האָט זיך דאָך קיין איינע נישט אומגעקערט אין האַפן פאַר דער גאַנצער פאַרשאָלטענער צייט.

— יאָ, ס'איז דאָ „די קליינע שיף", אָבער זי, און גאָרניט איז כמעט אַלץ איינס, ווייל זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט שווימען, — האָט געזאָגט דער מאַטראָס און האָט פאַרצווייפלט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט!

די ווייבער האָבן געדראָט מיט זייערע פויסטן אויף דער צאַרטער קליינער שיף.

— אַך, פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין! — האָבן זיי געשריען אַלע אינאיינעם — פאַרשאָלטן! דו וועסט לאָזן דערטרונקען ווערן אונזערע מענער, אונזערע קינדער, אונזערע חברים, און וועסט זיי נישט ברענגען קיין הילף. דו שעמסט זיך נישט צו בלייבן רואיק אין אַ זיכער ווינקעלע, אין דער צייט, ווען

דאָרטן גייט אַן אומגליקלאַכע שיף צום גרונט! אָט שפּאַלט זי זיך אויף צוויי, נאָך אַ ווײַלע און דער ברויזנדיקער ים נעמט צו די, וועלכע מיר וואָלטן נאָך געהאָפּט צו זען!

— אַך, פאַרשאָלטענע! פאַרשאָלטענע!... אַז די קליינע שיף האָט געהערט די פאַרביטערטע קללות, האָט איר אָנגעכאַפּט אַ שווידער. אַ העלדישקייט האָט זי אין זיך דערפילט. אירע זעגלען האָבן זיך אָנגעבלאָזן שטאַרקער, און דער ווינט, וואָס האָט זיך אין זיי אַרײַנגעריסן, האָט אָנגעהויבן זינגען „פאָרויס". איר קאָרפּוס האָט זיך געוויגט אומגעדולדיק אַזוי ווי עס וואָלט געווען גרייט זיך אַרײַנוואַרפן אין די פינסטערע כוואַליעס.

מענטשן האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין שיף און האָבן אָנגעהויבן מאַנעווורירן. זיי איז דאָס פאָרגעקומען ווי אין אַ חלום. דערנאָך האָט מען געזען די „קליינע שיף", ווי זי פאַרגעסט אַלע אירע מוראס, זינקט אין אָפּגרונט, און הייבט זיך אויף ווידער מיט דער לייכטקייט פון אַ קאַץ, זי האָט גאָרנישט מורא געהאַט פאַר די ווינטן און איז געשוואומען אַלץ פאָרויס און פון האַפן האָט מען געשריען: „בראַוואָ, מוטיקע, בראַוואָ, קליינע שיף".

אַך, ווי שטאָלץ זי איז געווען, די קליינע שיף, אין דעם מאָמענט. זי קעמפט מיט דער געפאַר צום ערשטן מאָל אין איר לעבן. זי האַלט מלחמה מיטן שטורעם; זי טויג שוין אויך אויף דער וועלט, זי שעמט זיך שוין מער נישט פאַר זיך אַליין. זי איז סוף-כל-סוף גליקלאַך!

„אַט זיינען זיי! אַט זיינען זיי! יאָ, דאָס איז זי, די „קליינע שיף“, זי קערט זיך צוריק. זי איז אַזוי באַלאָדן, אַז דאָס וואַסער דערגרייכט איר ביז דער שאַלעוואַניע, אמת, זי איז שטאַרק פאַרוואונדעט, די אָרימע שיף. איר גרויסער מאַסט איז צעבראָכן געוואָרן אין שלאַכט, אירע זעגלען, נעבאַך, הענגען אַראָפּ פון אַלע זייטן. די קליינע שיף זעט אויס ווי אַן אמת׳ער קריגער, און ווי אַ קריגער וואָס קומט צוריק מיט אַ גרויסן ניצחון, און איז גליקלאַך פון זיינע וואונדן און שטאָלץ מיט זיינע צעריסענע קליידער. אַלע וואַרפן זיך צו דער דאַמבע. מען פאַרוואַרפט דעם קאַנאַט. מען פרעגט:

— וויפל האָט איר געראַטעוועט?

— דעם גאַנצן עקיפּאַזש.

און טיף פון האַרצן רייסט זיך אַרויס ביי די ים-לייט דאָס געשריי:

— הוראַ! לעבן זאָל „די קליינע שיף“!

מ. ראַזעט.